STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04576

DER KAMF FUN DEMOKRATYE FAR MENSHLAKHE REKHT

Max M. Laserson

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פראָפ. מ. לאַזערסאָן

דער קאַמף פון דעמאָקראַטי'ע
פאַר מענשלאַכע רעכט

ארויסגעגעבן פונם

אידיש-נאַציאָנאַלן ארבעטער פארבאַנד

פאַרלאַג „פאַרבאַנד"

ניו-יאָרק, 1942

פרייז 20 סענט

(10)

PROFESSOR MAX LASERSON

The Struggle of Democracy for Human Rights

COPYRIGHT BY
JEWISH NATIONAL WORKERS' ALLIANCE
New York, 1942

היום הרת עולם — די וועלט איז איינגעטונקען אין בלוט און אין פלאַמען. ניט נאָר קעמפן לענדער קעגן לענדער, נאָר עס פלאַקערט אַ קאַמף אויף לעבן און טויט צווישן דער מענטשלאַכער ציוויליזאַציע וואָס איז געבוירן געוואָרן אין דורות־לאַנגע ראַנגלענישן פאַר פרייהייט און מענטש־לאַכע רעכט, און די פינצטערע כוחות פון רעאַקציע און באַרבאַריזם, וואָס ווילן זי איצט אומברענגען.

אונזער לאַנד אַמעריקע איז שוין איצט אויך אַריינגעצויגן געוואָרן אין דעם בלוטיקן געראַנגל. די גיפטיקע פיילן פון די אַקסיס שונאים ווילן איצטער טרעפן אונז נאָך מער ווי עמיצן אַנדערש. זיי ווילן צושטערן אונזערע נאַטירלאַכע אוצרות, דעם מלחמה־אַרסענאַל וואָס שטיצט די פאַרטיידיקער פון אַ פרייער מענטשהייט, אָבער נאָכמער זוכן זיי אומצו־ברענגען אונזער דעמאָקראַטישע מלוכה־אָרדענונג, וואָס דינט פאַר אַ סימ־באָל פון פרייהייט און דערמוטיקט די וועלט צו אַנגיין מיט איר קאַמף אַנטקעגן פאַשיזם און נאַציזם ביזן ענטגילטיקן נצחון.

דער אַנגריף פון ברוטאַלער מאַכט אַנטקעגן דעמאָקראַטיע איז געמאַכט געוואָרן. מיר זיינען איצט פאַרוויקלט אין דער גרעסטער וועלט־מלחמה. טאָרן מיר ניט שפּאָרן קיין קרבן, וואָס קען העלפן צושמעטערן דעם פּיל־קעפּיקן שונא. מיר דאַרפן דערצויגן ווערן צו דער נויטיקער מאָס פון קרבנות־וויליקייט און מסירת־נפש פאַר דעם דעמאָקראַטישן וועלט־באַנעם.

פאַר דעם אידישן נאַציאָנאַלן ארבעטער פאַרבאַנד איז עס דעריבער אַ באַזונדער פאַרגעניגן צו ברענגען דעם אידישן לעזער דאָס דאָזיקע ביכל פון באַקאַנטן געלערנטן און פאַרשער פון אינטערנאַציאָנאַלע רעכט, פּראָפע־סאָר מ. לאַזערסאָן. אין דער איצטיקער צייט איז עס נאָך וויכטיקער, ווי תמיד, צו לערנען מער און זיך גרינטלאַכער באַקענען מיט דעם קאַמף פון דער דעמאָקראַטיע פאַר מענטשלעכע רעכט

צוליב אַ סך סיבות איז ליידער, אין אָט דער ארבעט ניט אַריינגעקומען דער גאַנצער אידישער בייטראַג צו דער אַנטוויקלונג און אויסקריסטאַליזירונג פון די דעמאָקראַטישע באַגריפן. עס איז אָבער קלאָר, אַז די סאָציאַלע אידייען, געזעצן און עטישע לערעס פון דעם תנ״ך, וועלכע האָבן געווירקט אין לעבן פאַר און אויך גלייכצייטיק מיט דער גריכישער ציוויליזאַציע — האָבן אינספּירירט דענקער און קעמפער פון אַלע דורות אויסצופאָרמען די פּרינציפּן פון דעמאָקראַטיע און מאַכן זיי פאַר דעם פונדאַמענט פון אַ באַפרייטער מענטשהייט. אויך אין די לעצטע דורות איבערהויפּט אין דער באַנייטער ארץ ישראל איז די דעמאָקראַטיע אַן אינטעגראַלער טייל פון דעם אידישן סאָציאַלן לעבן, פון דעם אידישן דענקען, און איז אַ לייט־מאָטיוו אין אידישע אידעאַלן ביזן היינטיקן טאָג.

צענטראַלער בילדונגס קאָמיטעט פון
אידיש־נאַציאָנאַלן ארבעטער פאַרבאַנד

פ. גינגאָלד, דירעקטאָר

אינהאַלט

אַריינפיר 5

קאַפּיטל I — דעמאָקראַטיע אין אַלטערטום און אין דער פעאָדאַליסטישער צייט

גריכיש־קלאַסישער שקלאַפנטום און דעמאָקראַטיע 11
דער פעאָדאַליזם און די פויערים אויפשטאַנדן 12
פרייע פויערים און זייער דעמאָקראַטיע 14
די שטאָט און איר קאַמף קעגן די פעאָדאַלן 15
די שטאָט און אירע זעלבסט־פאַרוואַלטונגס רעכט 17
אומצופרידנקייט מיט דער פעאָדאַלער אָרדנונג 20

קאַפּיטל II — די דעמאָקראַטיע אין 19טן יאָרהונדערט

דער אני־מאמין פון דער נייער דעמאָקראַטיע 28
פאַרמעלע און סאָציאַלע דעמאָקראַטיע און די וואַל־רעכט 29
די סאָציאַלע געזעצגעבונג פאַר אַרבעטער. 70ער און 80ער יאָרן 33
סאָציאַלע רעפאָרמעס קעגן די אינטערעסן פון בורזשואַזיע 36
די נייע דעמאָקראַטישע מלוכה אַלס פאַרזאָרגער — די קאָלעקטיווע קאָנטראַקטן 39

קאַפּיטל III — דעמאָקראַטיע אין אונזער תקופה — 1918־1939

דער חורבן פון פיר אימפעריעס 42
דעמאָקראַטיע אין ווייַמאַר־דייטשלאַנד און די פאַראייניגטע שטאַטן 47
דער פעלקערבונד 48
ראַטן־רוסלאַנד קעגן דער דעמאָקראַטיע 52
די טעותן פון דער נאָך־מלחמה דעמאָקראַטיע 56
די צייטווייליקע „דיקטאַטור לשם דעמאָקראַטיע" אין ענגלאַנד 62

קאַפּיטל IV דאָס אידענטום צווישן דעמאָקראַטיע און דיקטאַטור 64

סך הכל — דעמאָקראַטיע אַלס היפּוך פון דיקטאַטור 70

אריינפיר

ווען מיר גייען צום דרוק מיט דער בראשורע, איז אמעריקע — צוליב דעם אנפאל פון דער אזיאטישער אקסיס־מאכט יאפאן און די דיקטאטארן פון דייטשלאנד און איטאליע, אריינגעטראטן — אויך פארמעל — אין דער צווייטער וועלט־מלחמה.

מאראליש, פסיכאלאגיש און פאליטיש איז אמעריקע שוין לאנג געווען א צד אין דער גרויסער מלחמה, א צד וואס האט זיך שוין פון אנהויב אן געשטעלט אויף דער זייט פון די דעמאקראטיעס קעגן די וועלט־פארכאפערישע פלענער פון די דיקטאטארן. אלע פריערדיקע חילוקי דעות, אלע אינוויינינקסטע פאליטישע און סאציאלע שטרייטיקייטן אינם אמעריקאנער פאלק זיינען פארשטומט געווארן אין דעם מאמענט, ווען דאס לאנד האט באדארפט אויסדריקן איר גרייטקייט צו קעמפן קעגן דעם ערגסטן און שטארקסטן שונא. אלע קלאסן, אלע ריכטונגען און פאליטישע פארטייען האבן געפונען אין דער שעה א געאייניקטע שפראך.

דער באשלוס פונם אמעריקאנישן קאנגרעס אריינצוגיין אין דער מלחמה געפינט זיך אין א פולן הסכם מיט דעם עצם מהות און אידעאלאגיע פון די פאראייניקטע שטאטן. עס האט זיך ארויסגעוויזן, אז ניט קאפיטאליזם קעגן סאציאליזם און ניט פראלעטאריאט קעגן בורזשואזיע זיינען איצט אין שטרייט, נאר צוויי אנדערע מחנות זיינען ארויס אויף א טויט־קאמף: פון איין זייט די וועלט־דערא בערער און פארשקלאפער — דייטשלאנד, יאפאן און איטאליע, — פון דער אנדערער זייט די דעמאקראטישע מלוכות און זייערע פריינט.

אבער ניט קוקנדיק אויף דעם וואס דער זין פון היינטיקן בלוטיקן קריג איז אזוי קלאר, געפינען זיך נאך אלץ אזעלכע וואס פרעגן אין דער שטיל: איז דאס א מלחמה וואס וועט באשטימען דעם גורל פון דער וועלט, וועט באפעסטיקן דעמאקראטיע און וועט באפרייען די מענטשהייט פון שקלאפריי און ווייטערדיקע מלחמה־אנגסטן, אדער זי איז נאך איינע פון די אימפעריאליסטישע אויסברוכן — "Just another imperialistic war" — וואס באצוועקט ניט צו היילן די וואונדן פון דער מענטשהייט.

כדי צו ענטפערן אויף דער דאזיקער פראגע מוזן מיר זיך טאקע פארטיפן אין דער געשיכטלעכער און פאליטישער אנטוויקלונג פון דער דעמאקראטיע פון אירע אנהויבן ביז צו די לעצטע צענדליקער יארן. און דאס איז די אויפגאבע פון דער דאזיקער שריפט. צי איז דאס ניט סימבאליש, אז אונזער פארשונג הויבט זיך אן מיט דעם אלטן קלאסישן גריכנלאנד און איר קאמף פאר דעמאקראטישע אינסטיטוציעס מיט טויזנטער יאר צור־

ריק און וואָס אין דער איצטיקער מלחמה איז דאָס זעלביקע קליינע גריכנ־לאַנד געוואָרן אַן אַנטשיידנדיקער כוח און יעדנפאַלס דער פאַקט וואָס דאָס קליינע גריכנלאַנד האָט פאַרקירעוועט דעם וואָגן פון אונזער פּאָליטישער צוקונפט אויף אַ נייעם וועג.

דאָס באַווייזט אונז נאָך אַמאָל, ווי פאַלש עס זיינען אָנגענומענע אַלטע סכעמעס. אונטער זיי אויך די סכעמע, אַז יעדע מלחמה צווישן מעכטיקע לענדער איז אַן אימפּעריאַליסטישע מלחמה צוליב נייע מערק און נייע נאַטור־אוצרות, וואָס איינער רייסט אַרויס ביי דעם אַנדערן. נאַטירלאַך זיינען אין יעדער מלחמה פאַרשטעקט בייזע עקאָנאָמישע כוונות, אַבער די פראַגע בלייבט, וואָס איז דאָס אַנטשיידנדיקע: צו די דאָזיקע כוונות אָדער די אידעאַלן, וועלכע זיינען אָפטמאָל ניט בולט פאַר די קעמפער אַליין?

די פראַזע פון „נאָך אַן אימפּעריאַליסטישער מלחמה" איז ניט נאָר ניט וויסנשאַפטלאַך, זי איז אויך אַ פּאָליטישער שקר, אַ ליגן, וואָס פאַרשטעלט די וויכטיקסטע כוונות, די הויפּט־כוונה צו פאַרניכטן דעם שטאַרקסטן דע־מאָקראַטישן סדר אויף דער וועלט — די אַנגלאָ־סאַקסישע וועלט: דאָס מיינט בריטאַניע, אַלע אירע דאָמיניעס און די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע.

דאָס הויפּט - אומגליק פון דער היינטיקער מלחמה ליגט אין דעם, וואָס די וויכטיקסטע דעמאָקראַטישע לענדער אין דער וועלט האָבן ניט געזען איר אָנקומען. און דער כוח פון דעם דיקטאַטאָרישן לאַגער: פון דער דייטש־איטאַליענישער אַקס, אונטערשטיצט פון די יאַפּאַנעזישע אַזיאַטן, איז גע־לעגן דווקא אין דעם, וואָס זיי האָט זיך איינגעגעבן איינצורײדן די וועלט, אַז אויב עס וועט זיך אָמאָל אָנהויבן אַ צווייטע וועלט־מלחמה, וועט דער שטרייט באַשטיין נאָר אין נעמען נקמה פאַר דעם ענגליש־פראַנצויזיש־אַמעריקאַנישן ווערסאַל־שלום פון 1919. דערמיט האָט מען קודם־כל גע־זאָרגט צו באַרואיקן די קליינע אַנדערע דעמאָקראַטיעס, אַז מען מיינט גאָרניט זיי. עס רעדט זיך נאָר כלומרשט וועגן דער „ווידערגוטמאַכונג" פון די עוולות, וואָס דאָס דייטשע „באַראַבעוועטע" פאָלק האָט געליטן אין 1919. קאָמוניסטן, נאַציס און פאַשיסטן האָבן אַלע גערעדט וועגן אַ קאַמף קעגן אימפּעריאַליסטן, וועגן אַ קריג פון די have nots, פון די בדלות געשטעלטע, קעגן די haves, די רייכע מלוכות.

די דעמאָקראַטיעס וואָלטן געקענט פאַרמיידן די איצטיקע מלחמה, אויב זיי וואָלטן פון אָנהויב 1930 פאַרשטאַנען, אַז דער נאַצי־פאַשיזם האָט זיך פאַרמאָסטן אויף דער עצם עקזיסטענץ פון דער דעמאָקראַטיע אין דער וועלט, אַז עס גייט ניט וועגן צוריק באַקומען דעם אָדער יענעם דיסטריקט פון אַ דייטשער מינדערהייט ערגעץ אין די סודעטן אָדער דאַנציג און ניט וועגן דער אָדער יענער דייטשער קאָלאָניע אין אַפריקע. איצט דאַרפן מיר

אַלע זען, צי דער גלויבן אינם אימפּעריאַליסטישן קריג האָט געשטאַרקט די דיקטאַטורן, ווייל ער האָט אָפּגעלענקט די אויפמערקזאַמקייט פון די פּעל־קער פון זייער וויכטיקסטער לעבנס־פראַגע. איצט ווען גריכנלאַנד, יו־גאָסלאַוויע, טשעכאָסלאָוואַקיע, פּוילן, דענעמאַרק, נאָרוועגיע, בעלגיע, האָ־לאַנד און פראַנקרייך ליגן אונטערן קנאָפּל פון דער היטלעריי, הויבט מען אָן צו פאַרשטיין וועגן וואָס עס האָט זיך געהאַנדלט.

דער נצחון פון דער דייטשער אַרמיי איז געווען אַ רעזולטאַט ניט נאָר פון דער מיליטערישער ניט־צוגעגרייטקייט אָדער שוואַכקייט פון די מערב־אייראָפּיאישע דעמאָקראַטיעס. זיי זיינען קודם כל געווען אַ רעזולטאַט פון דעם, וואָס די דעמאָקראַטיעס האָבן ניט פאַרשטאַנען און געפילט אַז עס גייט וועגן זייער לעבן, און דערפאַר איז דער ווילנסקראַפט און מוט פון זייערע אַרמייען לכתחילה געווען אונטערגעגראָבן.

עס האָט היינט, אין ליכט פונם גורל פון דער דעמאָקראַטיע, אַבסאָלוט קיין שום זין ניט צוצושרייבן די טענדענצן פון דעם „אַפּיזמענט" נאָר צו די קרייזן אַרום טשעמבערלעין און דער פינאַנציעל־אינדוסטריעלער פּלוטאָ־קראַטיע פון ענגלאַנד. מען זאָגט געוויינטלאַך, אַז זייערע קלאַסן־אינטערעסן און היטלערס פאַרשפּרעכן צו פאַרניכטן סאָוויעט־קאָמוניזם האָט זיי געצוואונ־גען צו זייער „אַפּיזמענט". אָבער לײדער האָט „אַפּיזמענט" געהערשט אויך ביי די אַרבעטער און קליינבירגער. און זיינען ניט פון 1934 ביז 1939 דווקא די פירנדע קרייזן פון דער לייבאָר־פּאַרטיי אין ענגלאַנד געווען פאַרסמ'ט מיט דעם פאַרברעכערישן לייכטזין צו ווערן באַרואיקן דעם נאַצי־פאַשיזם מיט פּאַציפיסטישער פּאַסיווקייט און מיט דעם אַנטקעגנשטעלן זיך דער באַוואָפנונג פון לאַנד?

די מיליטערישע מפּלה פון דער דעמאָקראַטישער מערב־איירעפּע איז דעריבער קודם־כל געווען דער רעזולטאַט פון אַ מאָראַלישער אַפּהעטיקייט. אַלע דעמאָקראַטישע לענדער — זיינען אין די אַנטשיידנדיקע יאָרן פון 1933־1939 ניט געשטאַנען אויף דער הויך צו באַשיצן זייערע אייגענע דערגריי־כונגען. האָבנדיק הינטער זיך אַן עבר פון הונדערטער יאָרן פון פּאָליטישער באַפרייאונג און דעמאָקראַטיע, האָבן זיי ניט פאַרשטאַנען, אַז זינט היטלער איז אין אַנהויב 1933 געקומען צו דער ממשלה, זיינען זיי געשטאַנען אין דער שרעקליכסטער סכנה. אין דער היטלעריי האָט מען געזען אַ מין רעאַק־ציאָנערע באַוועגונג, באַגייסטערט פון נאַציאָנאַליזם און אַנטיסעמיטיזם, וואָס דאָס האָט ניט קיין שייכות צו זיי, די רואיקע און פרידלאַכע דעמאָקראַטישע פעלקער און לענדער. געוויסע עלעמענטן אין די דאָזיקע לענדער האָבן אַפילו סימפּאַטיזירט מיט דעם אידישן פּראָגראַם פון היטלערן, אָבער יעדנ־פאַלס איז דער רוב געווען זיכער ביי זיך, אַז מיט דער טעאָריע פון „הערשער־פאָלק" מיינט מען נאָר די אידן, און ניט זיי.

געכאַפּט האָבן זיך און דערזען די אמת'ע סכנה נאָר די אנגלאָ־סאַקסישע פעלקער, און דאָס אויך זייער שפּעט, בשעת דאָס גאַנצע געבוי פון אייראָפּע איז שוין געשטאַנען אין פייער.

אָבער זינט דאַן זיינען ענגלאַנד און די פאַראייניקטע שטאַטן פון אמעריקע די צוויי זיילן, אויף וועלכע עס שטייט אין דער איצטיקער ציַיט די דעמאָקראַטיע. די ביידע לענדער האָבן אַ געמיינזאַמען חלק אין דעם אויפבוי פון דער וועלט־דעמאָקראַטיע. אין די פאָלגנדיקע קאַפּיטלען פון שריפט וועלן מיר זען אין וואָס עס איז באַשטאַנען די ראָליע פון די דאָזיקע צוויי ברידער־פעלקער אינם קאַמף פאַר מענשליכער פרייהייט און פּראָגרעס. דאָ, אין דעם אריינפיר־קאַפּיטל, ווילן מיר נאָר באַמערקן, אַז די לעצטע געשעענישן האָבן באַוויזן, אַז די קראַנקהייט פון אָפּהענטיקייט, סקעפּ־טיציזם און דעפּרעסיע, וואָס האָט ארומגענומען אנדערע פעלקער פון איי־ראָפּע, האָט זיך ניט געקענט אריינגנב'נען אין דעם עצם הארצן פון דעם אנגלאָ־סאַקסישן דעמאָקראַטיזם. אויך אַמעריקע האָט דורכגעמאַכט אַ קורצן פּעריאָד פון צווייפל, אומאַנטשלאָסנקייט, און איזאָלאַציאָניזם. אבער דער גאַנג פון אייראָפּע צו דעם תהום פון נאַציאָנאַלן אונטערגאַנג און נאַ־צי־שקלאַפעריי האָט געעפנט די אויגן אַלע די, וואָס האָבן געוואָלט בלייבן בלינד אָדער פאַרבלענדעט.

אַמעריקע איז שוין לאַנג אַרויסגעגאַנגען פון איר פּאַזיציע אַלס אַ פּאַסיווע צושויערין פון פרעמדע צרות. נאָך דער שרעקלאַכער מפּלה פון פראַנקרייך האָט מען אין אַמעריקע דערזען און דערפילט, אַז דאָ גייט עס וועגן דער עקזיסטענץ פון פרייהייט און דעמאָקראַטיע אין דער גאַרער וועלט. מען האָט אויך פאַרשטאַנען אין אַמעריקע, אַז די מלחמה גייט ניט וועגן אַ שטרייט איבער קאָלאָניעס און טעריטאָריעס, נאָר וועגן אַ שטרייט איבער גייסטיקע רייכטימער, וואָס איז דער יסוד פונם אַמעריקאַנישן לעבן. דאָ האַנדלט זיך וועגן דעם, צי קען דער „ביל אָף רייטס", די תורה פון דעמאָ־קראַטיע, ווערן אַן אַלוועלטלאַכער פּרינציפּ, אָדער צי מוז די וועלט זיין אין קנעכטשאַפט אונטערן רעכטלאָזן נאַציזם? אַמעריקע האָט דערפילט, אַז עס איז איר אייגענע „אישו", אַז דאָס מיינט מען טאַקע איר, און איז אַריבער פון אַ גלייכגילטיקן איזאָלאַציאָניזם צו אַ ברייטהאַרציקער הילף צו ענגלאַנד.

נידערטרעכטיקע קעגנערס פון דער דעמאָקראַטיע האָבן געוואָלט אונז איינריידן זינט 1919, אַז דעמאָקראַטיע איז אַ טעאָריע פון באַנקירן און געלט־זעק, כדי איינצושלעפערן די מאַסן. אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז די טעאָריע האָט גאָר געשטיצט היטלערס בליץ־קריג און קאָנצענטראַציע־לאַגערן.

דאָס פאַרליגנדיקע ביכל וויל באַווייזן, אַז דעמאָקראַטיע איז אַ סך על־טער פאַרן 19טן יאָרהונדערט און איז אַנטשטאַנען אַ סך פריער איידער דער קאַפּיטאַליזם האָט זיך באַוויזן אויף דער וועלט: אַז פרייהייט און דאָס שטרעבן צו איר האָט געשאַפן אין פאַרלויף פון יאָרהונדערטער אייביקע אוצרות און ווערטן, אַן וועלכע דאָס מענשלאַכע לעבן וואלט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גיהנום. דעריבער הויבן מיר אַן אונזער שריפט פון די גאַנץ אַלטע קלאַסישע דעמאָקראַטיע פון גריכנלאַנד און ענדיקן איר מיט דעם היינטיקן טאָג, ווייל דעמאָקראַטיע איז דער נר תמיד, וועלכער באַגלייט די מענטשהייט דעם גאַנצן מהלך פון זיין קינדהייט טיף אַריין אין די רייפע יאָרן פון אונזער תקופה.

קאפיטל I

דעמאָקראַטיע אין אַלטערטום און אין דער פעאָדאַליסטישער צייט

גריכיש־קלאַסישער שקלאַפנטום און דעמאָקראַטיע

ריין היסטאָריש געזען האָט די דעמאָקראַטיע צוויי פאַרשיידענע תקופות, וועלכע זיינען אָפּגעטיילט מיט אַ גרויסן צווישן־פּעריאָד. דאָס איז קודם כל די דעמאָקראַטיע אין דעם אַלטערטום, ספּעציעל אין גריכנלאַנד. אין אַלטן גריכנלאַנד זיינען שוין געווען אַ ריי אינסטיטוציעס און גאַראַנ־טיעס, וועלכע זיינען שפּעטער אויך איבערגענומען געוואָרן פון די מאָדערנע דעמאָקראַטיעס. דער הויפּט־אָרגאַן פון דער פאָלקס־מאַכט איז געווען די אַלגעמיינע פאָלקס־פאַרזאַמלונג, אין וועלכער ס'האָבן זיך באַטייליקט אַלע בירגער. די רעגירונג און די ריכטער זיינען געוויילט געוואָרן פון דער פאָלקס־פאַרטרעטונג. דאָס וואָרט און די מיינונגען פון די בירגער זיינען אין די מערסטע פאַלן ניט געווען באַגרענעצט. אויך אין דער געשיכטע פון דעם אַלטן רוים האָבן מיר געהאַט זייער אַ סך פּאָליטישע דערשיינונגען און אינסטיטוציעס, וועלכע האָבן פאַרווירקליכט דעם ווילן פונם פאָלק. דאָס האָט געדויערט הונדערטער יאָרן דורכאַנאַנד, איידער די רעפּובליק איז פאַרביטן געוואָרן מיט די רוימישע קייסאָרים, וועלכע זיינען געוואָרן אומ־באַגרעניצטע הערשער און טיראַנען און וועמעס מאַכט עס איז מיט דער צייט פאַרגעטערט געוואָרן. אויך אַנדערע פעלקער פון אַלטער־טום האָבן געהאַט אַ תקופה פון דעמאָקראַטיע, וועלכע איז שפּעטער פאַר־שוואונדן. ביי אידן איז אַזאַ תקופה פון דירעקטער פאָלקס־פאַרוואַלטונג געווען די עפּאָכע פון די שופטים. און אין תנ"ך (שמואל א') געפינט מען אָפענע שפּורן, אַז דאָס אידישע פאָלק איז אין עצם געווען רעפּובליקאַניש און פרייהייטלאַך און ערשט שפּעטער האָט דאָס פאָלק געפונען פאַר נייטיק אָפּצוזאָגן זיך פון די שופטים און אויסוויילן אַ קעניג, וואָס זאָל קענען אָנפירן מלחמות פונקט ווי ביי אַנדערע אַרומיקע פעלקער.

אָבער פאַר אַלע פאַרצייטיקע דעמאָקראַטיעס בלייבט אַלס אַ גרונט־שטריך דער פאַקט, אַז גלייך און פריי זיינען געווען בלויז די פול־באַרעכ־טיקטע בירגער. זיי האָבן באַהערשט אַ מער אָדער ווייניקער ברייטן שיכט פון שקלאַפן, וועלכע זיינען געווען אונטערדריקט און רעכטלאָז און האָבן קיין שום רעכט ניט געהאַט אָנטיילצונעמען אין דער באַשטימונג פונם

גורל פון לאַנד, אין דעם אויסווײלן באַאַמטע און ריכטער און בכלל קעמפן פאַר דער פאַרבעסערונג פון זייער לאַגע. אַ שקלאַף איז געווען דער „לא יבוא בקהל", ער איז געווען אַרויסגעשטויסן פון דער עדה, פון דעם כלל פון בירגער. דער אויבערשטער ראַט איז באַשטאַנען פון פאַרטרעטער בלויז פון די בעלי־גוף, — די פאַרמעגלאַכע גרופּעס.

און הגם אין דעם אויבערשטן שיכט האָט מען אויך געזוכט צו באַגרעניצן די הפקרות פון באַאַמטע און ניט צולאָזן צו דער מאַכט טיראַנען, איז אָבער די גאַנצע מלוכה אינם אַלטערטום קיינמאָל ניט געווען קיין פולע דעמאָקראַטיע, ווייל די דעמאָלטיקע פרייע בירגער האָבן געבויט זייער געזעלשאַפט אויף דער אַרבעט און אונטערדריקונג פון די שקלאַפן. הינטער די פרייע אָפּגעשטימטע געזעצן האָט זיך געפונען דער שרעקלאַכער מעכאַניזם פון שקלאַפעריי מיט זיין געצוואונגענער, אומזיסטער אַרבעט און מיט דעם אייגנטומס־רעכט אויף אַרבעט און לעבן פון די שקלאַפן און פון זייערע קינדער און קינדס־קינדער.

דעריבער קענען מיר זאָגן, אַז די תקופה פון דער אמתער דעמאָ־קראַטיע הויבט זיך אָן נאָר דאָרטן, וואו שקלאַפעריי איז אָפּגעשאַפט, וואו אין דעם אָרגאַניזם פון דער מלוכה גייען אריין אַלע מענשן, וועלכע געהערן צו איר. אָבער אַזאַ פולע דעמאָקראַטיע איז אַנטשטאַנען ערשט אַ סך שפּעטער.

דער פעאָדאַליזם און די פּויערים־אויפשטאַנדן

די אַנטשטייאונג פון דער שקלאַפּענלאָזער דעמאָקראַטיע איז אייגנטלאַך אַ שפּעטערער פּראָצעס, וועלכער האָט זיך געקענט אָנהויבן ערשט נאָכדעם, ווי די פעאָדאַלע אָרדנונג איז פאַרניכטעט געוואָרן. הונדערטער יאָרן איז אָנגעגאַנגען דער קאַמף פון פּויערים קעגן פּריצים, וועמען ס'האָט געהערט דער גאַנצער באָדן פון דער מלוכה. אין דער פעאָדאַלער געזעלשאַפט איז דער העכסטער אייגנטימער פון דעם באָדן געווען דער קעניג. אונטער אים זיינען געשטאַנען די פּריצים, אָנהויבנדיק פון די רייכסטע און יחוס'דיקסטע און ענדיגנדיק מיט אַלץ קלענערע און קלענערע וואַסאַלן. דאָס לאַנד פון יעטווידן פּריץ, וואָס האָט געהייסן פעאָד (פון וואַנעט ס'נעמט זיך דער נאָמען פון דער גאַנצער תקופה—„פעאָדאַליזם"), איז דורך אַ לאַנגער קייט פון צווישן־פּריצים געווען אָפּהענגיק פון דעם קעניג. און דעריבער איז דער פּריץ אליין פאַקטיש און יורידיש אויך ניט געווען דער פולער אייגנ־טימער פון זיין לאַנד־באַזיץ. דער קעניג האָט ניט געהערשט דירעקט איבערן פאָלק, ווי מיר זעען דאָס שפּעטער אין דער מאָדערנער מלוכה, נאָר איבער זיינע פּריצים, און די פּויערים זיינען געווען זייערע האַלבע

שקלאַפן. דער פעאָדאַליזם האָט געשטרעבט צו פאַרכאַפן דעם גאַנצן באָדן פון דער מלוכה. און דאָרטן וואו ס'זיינען נאָך געבליבן פרייע פויערים, האָט מען געזוכט זייערע לענדער איבערצוגעבן די פריצים־וואַסאַלן.

פויערים־אויפשטאַנדן האָבן דעריבער אָנגעהויבן אויסצוברעכן כמעט אין אַלע איירעאָפּייאישע לענדער. די אויפשטאַנדן זיינען געווען דורכגעדרונגען מיט פרייהייטליכער אידעאָלאָגיע, וואָס האָט דאַמאָלס, לויט דעם גייסט פון דער תקופה, אָנגענומען רעליגיעזע פאָרמען. די פויערים, וועלכע זיינען אויפגעשטאַנען קעגן די פריצים און זייערע פּריווילעגיעס, האָבן געפאָדערט א נייע גערעכטע פאַרטיילונג פון ערד, א דעה פאר פויערים אינם מלוכה־לעבן, און דאָס ענדערן פון דער „האָריקער” האַלב־שקלאַפערייַ. אין אירע ראַדי־קאַלערע פאָדערונגען, וואָס האָבן, למשל, אין טשעכיע אָנגענומען אפילו א משיחישן כאַראַקטער, זיינען פויערים דערגאַנגען צו דער פאָדערונג פון גלייַ־כער באָדן־פאַרטיילונג, פון אָפּנעמען די לענדערייען ביי די פריצים און דער קאַטוילישער קירך. די אָפּיציעלע קאַטוילישע קירך איז דערקלערט געוואָרן פאר דעם גרעסטן שונא פון דער אמתער קריסטלאכער תורה און פון די פאָדערונגען פון קריסטוסן, ווי זיי זיינען פאַרפעסטיקט אין דעם עוואַנגעליום. אויף דעם וועג זיינען אַנטשטאַנען די ראַדיקאַלע און עוואַנגעליש־סאָציאַליסטישע סעקטעס. מיר דערמאָנען דאָ די עקסטרעמע רעליגיעס — קאָמוניסטישע אָנהענגערס פון דער קינפטיקער „אויביקער פינפטער מאָנאַרכיע”, אין צענטראַל־איירעאָפּע, די וויקלעפיטן אין ענגלאַנד און שאָטלאַנד און די מעסיקערע ריכטונג פון „טאַבאָריטן” אין דער איצ־טיקער טשעכאָסלאָוואַקיע. אויף זיי האָבן זיך שפּעטער באַזירט דער קאַלוויניזם און צווינגליאַניזם אין האָלאַנד, דייטשלאַנד און דער שווייץ.

אין די מייסטע לענדער האָט די הערשנדע פעאָדאַלע אריסטאָקראַטיע באַזיגט דאָס פויערטום, וואָס איז אויף הונדערטער יאָרן געבליבן פאַר־שקלאפט, דאָך איז אין איינצעלנע לענדער דאָס פויערטום מיט דער צייט געוואָרן אַן אנטשיידנדיקער שטאַרקער כח. אין צפון פון איירעאָפּע אין שוועדן זיינען די פויערים געוואָרן א פרייער שטאַנד, וועלכער האָט איינגענומען זיין געזיכערטן אָרט אין דער שורה פון די איבעריקע דריי „שטאַנדן” : 1) די גלחים ; 2) די פעאָדאַלע אריסטאָקראַטיע (דזשענטרי) ; 3) און דאָס שטאָטישע בירגערטום. דער אוראַלטער שוועדישער פאַרלאַ־מענט האָט אזוי ארום געהאַט ניט דריי שטאַנדן, ווי דאָס רוב מיטל־אַלטערלאכע פאַרלאַמענטן, נאָר פיר שטאַנדן. אין פינלאַנד, וואָס איז דאַמאָלס געווען אַן אָפּהענגיקע פּראָווינץ פון שוועדן, איז א צייט לאַנג דער פויער אויך געווען פאַרטראַטן אין פינישן סיים. די העכסטע מדרגה פון דער מאַכט האָבן די פויערים דערגרייכט אין דער עלטעסטער איירעאָפּייאישער דעמאָקראַטיע, — אין דער שווייץ. די פיר גרונט־קאַנטאָנען פון דער

שווייץ, באַשטייענדיק פון פרייע פויערים און באַרג־פּאַסטוכער. אַ דאַנק זייער גינסטיקער געאָגראַפּישער פּאָזיציע אין די הויכע אַלפּן־בערג, האָבן זיי נאָך לאַנגע ראַנגלענישן און קאַמפּן זיך אָפּגעריסן פון דעם אַלטן דייטשן קייזערליכן רייך מיט זײַן רעזידענץ אין ווין. די שווייצאַרישע פויערים האָבן ניט אָנערקענט די קייזערליכע מאַכט, האָבן זיך אַנטקעגן געשטעלט די קייזערליכע באַאַמטע און שלוחים, זיי האָבן זיך אַנטזאָגט צו צאָלן שטייערן און צו פאַרזאָרגן מיט שקלאַפּישע סאָלדאַטן די דייטשע אַרמייען.

פרייע פויערים און זייער דעמאָקראַטיע

אַזוי אַרום האָט זיך באַקומען דאָס אייגנטימליכע בילד, אַז אין אַ פעאָדאַלער אייראָפּע, וואָס האָט זיך געצויגן פון די ווייטע רוסישע סטעפּעס ביז די זוניקע שפּאַנישע פעלדער, איז ערגעץ אין די הויכע קאַלטע אַלפּן געזעסן אַ שטאָלץ און פריי פויערטום, וואָס האָט צום ערשטן מאָל — נאָך גריכנלאַנד און רוים — געוויזן דער מענטשהייט, ווי ס׳דאַרף ווערן פאַר־וואַלטעט און רעגירט אַ פריי פאָלק פון גלייכע בירגער. אין מאַנכע קאַנ־טאָנען האָט דאָרטן געהערשט די „דירעקטע דעמאָקראַטיע״, וואו דאָס גאַנצע פאָלק פונם קאַנטאָן פלעגט זיך צונויפקומען אין אַ באַשטימטן זונטיק און באַשליסן אַלע שאלות פון געריכט, פאַרוואַלטונג און געזעצגעבונג. בלויז אין די צאָלרייכערע קאַנטאָנען פלעגט אויסגעקליבן ווערן אַ פאָלקס־פּאַר־לאַמענט.

אָבער ניט נאָר פאָלקס־הערשאַפט אליין איז געווען אין דער שווייץ. די שווייצאַרישע מלוכה איז אויך געוואָרן אַ פעדעראַטיווע רעפּובליק. צו די גרונט־קאַנטאָנען זיינען צוגעשטאַנען אנדערע פרייע פויערשע קהלות און בהדרגה זיינען צוגעקומען אויך פראַנצויזישע און איטאַליענישע אַלפּן־פויערים, מיט זייערע באַזונדערע קאַנטאָנען. אַזוי אַרום האָט די שווייץ אויך געגעבן דעם מוסטער פון אַ פרידלאַכן צוזאַמענלעבן פון פאַרשיידענע פעלקער אויפן יסוד פון זעלבסטבאַשטימונג. דאָס אַלץ איז אַנטשטאַנען אין אַ סביבה פון אַ צוברעקלטער אייראָפּע אין וועלכער ס׳זיינען אויפגעג־שטאַנען אַזוי פיל מלוכות, וויפיל ס׳זיינען געווען רייכע און תקיף׳דיקע אַריסטאָקראַטישע שבטים. די פויערישע פעדעראַטיווע רעפּובליק פון שוויי־צאַריע איז געווען אַ דעמאָקראַטיש אינזל — אין אַ ים פון שקלאַפעריי און שטענדיקע בלוטיקע מלחמות. די שווייצאַרישע פעדעראַטיווע קאָנסטיטוציע איז אויך געוואָרן דער מוסטער און דער באַרג סיני פון וועלכער די פעדע־ראַציע פון די פאַראייניקטע שטאַטן אין צפון־אַמעריקע האָט געשעפּט איר תורה.

די שטאָט און איר קאַמף קעגן די פעאָדאַלן

אָבער ניט בלויז דאָס פרייע פויערטום איז געווען דער אויסבויער און באַגרינדער פון דער מאָדערנער דעמאָקראַטיע. אויך די שטאָט האָט א סך געהאָלפן צו פאַרשטאַרקן די דעמאָקראַטיע.

די פעאָדאַלע ווירטשאַפט האָט געהאַט אַ נטיה צו בלייבן פאַרבונדן מיטן אָרטיקן באָדן. דער פריץ האָט געהערשט איבער זיין געביט און זיינע מענשן. מענשן זיינען געווען „צוגעשריבן" צו דעם באָדן און גאַנצע לענדער זיינען געווען איינגעגלידערט אין די גרעניצן פון די מאַיאָנטקעס פון דער לאַנד־אַריסטאָקראַטיע. אייגנטלאך האָט דעמאָלט ניט עקזיסטירט קיין שטאַרק קאָנצענטרירטע קעניגליכע מאַכט פון א גאַנץ לאַנד. און ס'איז קלאָר פאַר־וואָס. דער קעניג איז געווען אָפּהענגיק פון דעם ווילן פון זיינע וואַסאַלן: האָבן זיי זיך אונטערוואָרפן זיין מאַכט, האָט דער קעניג געקענט באַקומען סאָלדאַטן, געווער און פּראָוויאַנט פון זיינע אונטערטעניקע פריצים; האָבן זיי אָבער רעוואָלטירט האָט דער קעניג מיט דעם פריץ גאָרנישט ניט געקענט מאַכן. די מלוכה־מאַכט מיט אירע שוואַכע כוחות האָט ניט געקענט צווינגען דעם פרייען פריץ זיך אונטערצוגעבן.

אָבער מיט דעם אויפקומען פון דער געלט־ווירטשאַפט און דעם ברייטערען אויסטויש פון סחורות האָבן זיך די באַדינגונגען שטאַרק געענדערט. עס האָט זיך אָנגעהויבן די לאַנגזאַמע ירידה פונם פעאָדאַלן סיסטעם. די שטאָט האָט אָנגעהויבן צו שפּילן א וויכטיקערע ראָליע. אין די שטעט האָבן זיך צונויפגעקליבן די עלעמענטן, וועלכע האָבן ניט געקענט געפינען זייער תיקון אין דאָרף און אויפן לאַנד. די דאָזיקע עלעמענטן, ד. ה. סוחרים, בעלי־מלאכות, פאַרמיטלער, רעשטלאך פון פרייע פויערים, וועמען די פריצים האָבן ניט געקענט אדער געוואָלט באַנוצן, באַאמטע, פאַרמעגליכע עלעמענטן, וואָס האָבן אויסגענוצט די געלט־נויט און פרעמדע וואָס פלעגן קומען פון אויסלאַנד, — זיי אלע האָבן זיך אָנגעקליבן אין די שטעט. די שטעט זיינען אַזוי ארום געוואָרן סאָציאַל אָפּגעזונדערטע אינזלען. זיי האָט מען ניט געקענט אדמיניסטרירן ווי א פויערים־געמיינדע אדער א פאַר־שקלאַפטן דאָרף. די שטאָט האָט ניט געקענט דולדן פאַרשקלאַפטע מענשן, וועלכע זיינען „צוגעשריבן" צום באָדן. אין די שטעט האָבן זיך בהדרגה אָנגעהויבן אויסצובויען באַזונדערע פרייע קאָלעקטיוון. אין מיטלאלטער פלעגט ארומגיין דאָס ווערטל: — „שטאָט־לופט מאַכט פריי". שטעט פלעגן אויפ־נעמען פויערים, וואָס פלעגן אנטלויפן פון זייערע פריצים. אין שטאָט פלעגן זיי זיך צושלאָגן צו אן ארבעט און ווערן שטענדיקע תושבים.

אן אייביקער קאַמף איז אָנגעגאַנגען צווישן דאָרף און שטאָט, צווישן דעם פריץ, אויף וועמעס ערד די שטאָט איז געשטאַנען, און דער שטאָט.

א צייטלאנג האָט די שטאָט געפּילט די שווערע האַנט פון זיין פּריץ־וואָסאַל דער לעצטער פלעגט פאָדערן באָדן־שטייערן, האַנדעלס־שטייער, דורכפאָר־שטייער, קאָפּ־שטייער, ביים פירן פון סחורות צו דער שטאָט און פון דער שטאָט פלעגט ער נעמען וועג־שטייער, בריקן־געלט און סתם טאַריפן ביי יעדן סחורה־טראַנספּאָרט. אין „בויטפאלן״ פלעגט מען אפילו באראבעווען סוחרים אויפן וועג. די אַנפאלער פלעגן שטיין אונטער דעם אָנפיר פון די פּריצים גופא אדער פון זייערע אוואַנטוריסטישע אונטערהעלפערס. אין דעם פּריען מיטלאלטער האָט אין פעאָדאלן דייטשלאנד געהערשט דער כלל:

רייטן און רויבן איזט קיינע שאַנדע,
דאָס טוען די בעסטען פאָן דעם לאַנדע״.

אונטער אַזעלכע באַדינגונגען האָט זיך אויסגעבילדעט אַ שטאַרקע און שטענדיקע שנאה צווישן דער פעאָדאַלער אַריסטאָקראַטיע פון איין זייט און דעם שטאָטישן בירגערטום פון דער אַנדערער זייט. די שטאָט האָט געשטרעבט פּטור צו ווערן פון דער אומדערטרעגלאַכער אַפּיטרופּסות פון לאַנד־אַדעל. אין מאַנכע שטעלן האָט זיך איינגעגעבן אויסצוקויפן זיך פאַר גרויסע געלטער פונם פעאָדאַלן הערשער, אין אַנדערע — איז דאָס דער־גרייכט געוואָרן מיטן שווערד. אָבער אַלס אַ כלל האָט די וואַקסנדע שטאָט שטאַרק געליטן צוליב די פּריווילעגיעס פון די פעאָדאַלן.

אינם קאַמף קעגן דער הפקרות פון דעם אָרטיקן אַדל־קלאַס האָבן זיך געטראָפן צוויי כוחות וואָס זיינען מיט דער צייט געוואָרן שותפים. 1) די צענטראַליזירנדיקע קעניגליכע מאַכט און 2) די פרייע שטאָט מיט איר אייגענעם פּאָליטישן שטייגער. דער קעניג אין זיין שטענדיקער געלט־נויט און אייביקער מאַכטלאָזיקייט האָט געזוכט אַן אָנשפּאַר אין דער שטאָט. און ער האָט דאָרטן געפונען הילף און פאַרשטענדעניש.

די שטעט האָבן געפאָדערט אַ פעסטע אָרדנונג. אַן אָרדנונג און זיכער־קייט אויף וועגן און שטעגן, אַן אַ באַשטימטן שטייער־סיסטעם, האָט דער סוחר קיין מאָל ניט געקענט וויסן, וואָס עס זיינען אַדער וועלן זיין זיינע הוצאות. אָט די זיכערקייט האָט אים געקענט געבן נאָר אַ שטאַרקע צענ־טראַלע מאַכט, וועלכע קאָנצענטרירט זיך אין דער פּערזאָן פון דעם קעניג. זיין אַרמיי, זיין פּאָליציי, זיינע שטייער־באַאַמטע האָבן געבראַכט אַ זיכער־קייט דעם האַנדל און וואַנדל און דעם האַנטווערקער. פון דער אַנדערער זייט האָט דער קעניג געקראָגן אין די שטעט וויכטיקע אַרויסהעלפער, וואָס האָבן אים באַפרייט פון דער צולאַזנקייט, הפקרות און אינטריגעס פון די „בעסטע פון לאַנד״. דער קעניג האָט אויך אָנגעהויבן צו קאָנצענטרירן זיין מאַכט אַרום זיך דירעקט אין זיין רעזידענץ. ווער פון די וואָסאַלן ס'האָט געוואָלט דערגרייכן די העכסטע מדרגה פון מאַכט, רייכטום און כבוד, האָט געמוזט

פארלאָזן זיין אייגענעם ווייטן מאַיאָנטעק און זיך באַזעצן ארום דעם קעניג־ליכן הויף, און ווערן בפועל ממש א „קרוב למלכות”. דער קעניג האָט פארטיילט לויט זיין איינזען לאַנד, געלט און כבודים.

דער אַדל האָט זיך דערפילט איזאָלירט און באַראַבעוועט פון זיינע „נאַטירליכע רעכט” און בע׳עולה׳ט אין זיינע אַלטע פריווילעגיעס. די פריצים האָבן דערזען אין די פרייע שטעט זייערע קאָנקורענטן, וואָס האָבן אריבער־געצויגן אויף זייער זייט דעם קעניג. די דאָזיקע אומצופרידנקייט האָט אָנגענומען א פאָרם פון אַן אָרגאַניזירטער „אָפּאָזיציע” אין קאַמף קעגן דער אבסאָלוטער קעניגליכער מאכט, אַ קאַמף וואָס האָט זיך געצויגן אין דעם גאַנצן מיטלאַלטער ארום די קעניגליכע הויפן און אין די פאַרטרעטערשאַפטן פון די שטאַנדן.

נאַטירליך איז אויך דער דאָזיקער לאַנגער און עקשנותדיקער קאַמף צווישן דעם קעניגליכן דעספּאָטיזם און די אדל־אמביציעס ניט אָפּגעגאַנגען גלאַט. דער דאָזיקער קאַמף האָט אריינגעבראכט א שיין ביסל פרייהייט־טראַדיציעס און הומאַניטארע אידעאַלן פון דעם קאַמף פון יחיד קעגן דער ממשלה פון טיראַנען. איינער פון די גלענצענדסטע עדות פון דעם קאַמף צווישן קעניג און דער פעאָדאַלער אָפּאָזיציע בלייבט די „גרויסע כארטיע פון פרייהייטן” Magna Charta Libertatum פון 1215, וואָס די ענגלישע אריסטאָקראַטיע האָט געצוואונגען צו פּראָקלאַמירן דעם קעניג יאָהאַן דעם „לאַנדלאָזן”.

די שטאָט און אירע רעכט פון זעלבסט־פאַרוואַלטונג

ביי דער שטאָטישער באַפעלקערונג גופא, וואָס האָט געזוכט דעם שוץ פון קעניג, האָט זיך אין משך פון יאָרהונדערטער אויסגעארבעט אַן אייגענער פרייהייטס־שטייגער. דאָס איז געווען דער געביט פון שטאָטישע אָדער מוניציפּאַלע רעכט.

פריער האָט זיך אנטוויקלט די שטאָטישע זעלבסט־פאַרוואַלטונג אין דרום־אייראָפּע אַרום די ברעגן פונם מיטלענדישן ים. איינצלנע שטעט זיינען געוואָרן אזוי רייך און מעכטיק אין זייער ווייטן ים־האנדל, וועלכער פלעגט ארומנעמען די גאַנצע דעמאָלט באַקאַנטע וועלט, אז זיי האָבן זיך אויסגע־קעמפט זייער ברייטע רעכט און אָפט אפילו פּאָליטישע זעלבסטשטענדיקייט. אזעלכע שטעט, למשל, ווי ווענעציע ביים אַדריאַטישן ים (א טייל פונם מיטל־לענדישן ים) זיינען געוואָרן זעלבסטשטענדיקע מעכטיקע מלוכות. די ווע־נעציאַנישע רעפּובליק איז געוואָרן א שם דבר פאַר דער גאַנצער וועלט, זי איז געווען א מין מיטלאַלטערליכע ענגלאַנד, מיט א רייכן פלאָט, מיט אַן אומאָפּהענגיקער מאכט און רייכטום, וואָס האָט קרעדיטירט דעם וועלט־

האַנדל און אליין אויסגעהאלטן קאַלאָניעס. אַן ענליכע, אָבער א סך קלענערע ראָליע האָט געשפּילט גענוא, וועלכע האָט אנטייל גענומען אין קאָלומבוסעס אנטדעקונג פון אמעריקע. אין נאָרד־אייראָפּע זיינען אזעלכע מלוכות געוואָרן די שטעט: האמבורג, ברעמען און ליבעק. די דאָזיקע שטעט האָבן געשאַפן דעם באַרימטן „האנזא־בונד", א מין צאָל־אין האנדלס־פאַרבאַנד, וועלכע האָט באַהערשט דעם האַנדל אין נאָרדישן און באַלטישן ים און וועמעס מיטגלידער ס'זיינען געווען די אלטע פּריההייטליכע שטאָט־רעפּובליקן פון רוסלאנד: גרויס־נאָווגאראד, מיט זיינע קאָלאָניעס ביז צום אוראַל, און פסקאָוו ביי די גרעניצן פון דער מיטלאלטערליכער ליוואָניע (די איצטיקע באַלטישע מלוכות). אָבער שוין ניט ריידנדיק פון די פּאָליטיש אומאָפּהענגיקע מלוכות, זיינען אבער אויך די אנדערע גרויסע און רייכע שטעט געוואָרן די „וויגעלאַך" פון בירגערליכער פרייהייט און ווידערשטאנד קעגן מאָנאַרכישער און פּריצישער טיראַניע. ס'איז גענוג צו דערמאָנען די פעסטונג פון דעם פרייען געדאנק, די שטאָט אמסטערדאַם, וואָס האָט געדרוקט ביכער פון אלע פּאָליטישע דענקער און רעפאָרמאַטאָרן, וועלכע זיינען געווען גערודפט אין זייערע אייגענע פאטערלענדער אונטער זייערע אייגענע קעניגן. אַן ענלאכע ראָליע האָבן געשפּילט האאג, אנטווערפּן, לאָנדאָן א. א. וו.

די שטעט האָבן געקראָגן באזונדערע פּריווילעגיעס און רעכט פונם קעניג אדער קייזער. א דאנק די דאָזיקע פּריווילעגיעס זיינען זיי באפרייט געוואָרן פון דער מאכט פון זייער פעאָדאַל. די שטעט פלעגן זיך אָפּרייסן פון זייער פריץ און מיט חשק אריבער צום קעניג. אין מלוכות, וואו די געלט־ווירטשאפט האָט זיך ערשט אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען, האָבן די קעניגן אליין געשאַפן נייע שטעט, גערופן אין די שטעט אריין פרייע און אָפט פרעמדע בירגער; סוחרים, בעלי מלאכות און ספּעציאַליסטן אָדער זיי פלעגן אויפן סמך פון קעניגליכע פּריווילעגיעס, כאַרטיעס און רעסקריפּטן פאַרוואַנדלען דערפער אין נייע שטעט. אין דער הינזיכט איז געווען באקאנט אין פוילן דער קעניג סיגיזמונד אויגוסט. די דאָזיקע קעניגן האָבן געוואָלט באלעבן און באַרייכערן די שטעט און זיי פלעגן זיך ניט אָפּשטעלן צו רופן אידן פון פרעמדע לענדער זיי זאָלן זיך באַזעצן אין די שטעט. די דאָזיקע אידן פלעגן באקומען באזונדערע שוץ־בריוו, וועלכע פלעגן זיי באַשיצן קעגן די אפּעטיטן פון די קירכליכע און וועלטליכע פירשטן און וואַסאַלן. באזונדערס אין מזרח־אייראָפּע זיינען אידן געווען דער עלעמענט, וועלכער האָט מיטגעהאָלפן בויען די שטעט, הגם די גופא זיינען אָפט געבליבן פארשלאָסן אין די ווענט פון די געטאָס.

די מיטלאלטערליכע שטאָט, ניט קוקנדיק אויף איר פרייערן כאַראַקטער, איז אָבער אויך געבליבן דורכגעדרונגען מיט דער שטאַנדישער איינגעקעסטעלטער ארדנונג פון דער פעאָדאַלער צייט. די באַפעלקערונג איז

געווען איינגעטיילט אין איינצעלנע שטאַנדן אָדער קאָרפּאָראַציעס, וועלכע האָבן פאַראייניקט אין זיך געוויסע גרופּעס בירגער. יעדער בירגער האָט געהערט צו אַזעלכע קאָרפּאָראַציעס. די סוחרים האָבן געהערט צו די אַזוי־גערופענע גילדיעס, מיט וועלכע עס האָבן אָנגעפירט זייערע „זקנים" אדער „עלדערמען", אויסגעוויילט פון דער גאַנצער קאָרפּאָראַציע. די גילדיע פלעגט פעסטשטעלן לויט וועלכע פּרינציפּן ס'דאַרף געפירט ווערן דער האנדל, וויפיל שטייער די גילדיע האָט צו צאָלן, ווי די שטייערן ווערן פאַרטיילט אונטער די איינצלנע צווייגן און יחידים אין זייערע קראָמען און קאָנטאָרן. אין שטרייט־פאַלן און פּראָצעסן פלעגט יעדערער געמשפט ווערן פונם געריכט פון זיין אייגענער קאָרפּאָראַציע. פּונקט אַזוי האָבן אויך די האַנטווערקער געהאט זייער אייגענע קאָרפּאָראַציע, די אַזוי־גערופענע „צעכן". די דאָזיקע קאָרפּאָראַציעס האָבן באַשטימט, ווער עס האָט דאָס רעכט צו ווערן א בעל־מלאכה. קיין איינציקער מענטש האָט ניט געקענט ווערן אין שטאָט א סוחר, קינסטלער, האַנטווערקער אדער אנדער פּראָפעסיאָנאַל איידער ער איז ניט אויפגענומען געוואָרן אין דער געהעריקער קאָרפּאָראַציע. ניט לעגאַליזירטע קויפלייט אָדער האַנטווערקער פלעגן געזעצלאך פאַרפאָלגט ווערן. האַנטווערקער פלעגן דאַרפן דורכגיין א לאַנגע תקופה פון צו־גרייט־יאָרן און דערגרייכן א הויכע מדרגה אין דער ספּעציאַליטעט ביז זיי פלעגן דורכגיין די מדרגות פון א לערניונג, געזעל, אונטער־מייסטער און ווערן סוף כל סוף אן אנערקענטער מייסטער.

אין די שטעט האָט זיך געשמידט דער גייסט פון אינדיווידועלע רעכט און ווירדע פונם יחיד. מחוץ די שטאָטישע וועגנט איז קיין פרייהייט ניט געווען. די שטאָט פלעגט אויך שיקן אירע פאָרטרעטער אין מיטל־אַלטערליכן פאַרלאַ־מענט, וואו זיי פלעגן אָפט האָבן א גרויסע ווירקונג. דאָס איז אבער געווען בלויז אין געוויסע שטעט. אין דעם רוב פון די מיטל־אַלטערליכע לענדער זיינען די שטאָטישע בירגער געווען פאַרמשפּט צו א מאַכטלאָזיקייט באַזונדערס אין פראַגן פון אן אלגעמיין מלוכהשן פאַרנעם, ווי שטייערן, קריג־שיפן אדער פרידן שליסן, רעפאָרמירן דאָס לעבן פון דער מלוכה, דער בוי פון נייע וועגן א. א. וו. שוין אין דעם אלטן ענגלישן פּאַרלאַמענט האָט געגאָלטן, דער כלל: "No taxation without representation."

דאָס הייסט, אַז קיין שום שטייערן קאָנען ניט באַשטימט ווערן אָן דעם הסכם פון די פאָרטרעטער פון די באַשטייערטע. אָבער אין די דאָזיקע און ענלאכע פאלן, בשעת עס פלעגט קומען צו אן אלגעמיינער אָפּשטימונג, זיינען די פאָרטרעטער פון די שטעט אדער „בורגן" (דערפון נעמט זיך דאָס פראַנצויזישע וואָרט „בורזשואַזיע") געווען לכתחילה פאַראורטיילט מאַיאָריזירט צו ווערן פון די צוויי אנדערע שטאַנדן: 1) דעם אָדל און ב) די קירך. שטענדיק פלעגן קעגן דער איין שטים פון דעם דריטן שטאָ־

טישן שטאַנד שטיין די צוויי שטימען פון די פריצים און גלחים. דערפון איז קלאָר, אז ביי דעם פעאָדאלן סדר פלעגט די שטאָט שפילן אן אונטער־אָרדנטע ראָליע, ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס די שטאָט האָט אזויפיל צוגעגעבן צו דעם קיום און אויפבלי פון דער מלוכה.

אומצופרידנהייט מיט דער פעאָדאלער אָרדנונג

אין משך פון דער צייט האָט אויך אָנגעהויבן צו וואַקסן אַן אומצופרידנהייט מיט דער באַשטייענדיקער אָרדנונג. אַזוי לאַנג ווי די מיטל־אַלטערליכע שטאָט האָט אויסגעפירט אירע פונקציעס אויף אַ גענוגנדיקן אופן, אַזוי לאַנג ווי זי האָט געגעבן אַ מקום מקלט פאַר דער איבעריקער באַפעלקערונג, וועלכע פלעגט אַריינשטראָמען אין שטאָט, האָט זיך די דאָזיקע אומצופרידנהייט ניט געפילט. אָבער במשך פון דער צייט, מיט דער פאַר־ארימונג פון דעם דאָרף און מיט אַז אַלץ אומגעניגנדערער ווירטשאַפט פון די לאַנד־לאָרדן איבערן דאָרף און לאַנד האָבן זיך אָנגעהויבן אַנצוקלייבן עלעמענטן אין דער שטאָט, וועמען די גילדיעס און די צעכן האָבן ניט געקענט אויפנעמען. די וואַקסנדע געלט־ווירטשאַפט, דער ים־האַנדל און די קאָלאָניעס, וועלכע האָבן ביז אַהער געגעבן אַ געוויסן אויסוועג דעם אינווייניקן עקאָנאָמישן קריזיס, האָבן שפּעטער ניט געקענט מער אַריינגעמען די איבעריקע באַפעלקערונג. די אַנטוויקלונג פון די גרויסע טעקסטיל־ און אייזן־אינדוסטריעס האָט זיך ניט געקענט מער אַריינפּאַסן אין די אַלטע פאַר־גליווערטע ראַמען פון דער צעכן־קאָרפּאָראַציע. אין אַ סך פאַלן פלעגן די קעניגן אַליין באַפרייען זייערע פויערים אָדער צווינגען די פריצים צו באַפרייען זייערע פויערים, כדי עס זאָלן קלעקן אַרבעטער פאַר די נייע מאַנופאַקטור־פאַבריקן, שיף־ווערפן און מעטאַל־זאַוואָדן.

די ראַמען פונם פעאָדאַלן סדר זיינען געוואָרן צו שמאָל פאַר די נייע כחות און נויטן.

עס הויבט אָן צו וואַקסן א נייער פּאָליטישער געדאַנק, וועלכער ווערט אַן אַנטשיידנדיקע שטויס־קראַפט ניט נאָר אין דעם גייסטיקן אוצר פון דער דעמאָקראַטיע, נאָר אויך אין דעם ניי־אַנטשטייענדיקן מלוכה־סדר. אַן דער דאָזיקער גייסטיקער איבערקערעניש אויף די גרעניצן צווישן דעם מיטל־אַלטער און דער נייער צייט וואָלט אוממעגלאַך געווען צו שאַפן די מאָדערנע דעמאָקראַטיע.

לאַנגזאַם און בהדרגה, אַזוי ווי בינען קלייבן זייער האָניק, האָט די דעמאָקראַטיע זיך געבויט, שעפּנדיק איר אינהאַלט פון יעדן פרייהייטס־קאַמף וואו און ווען דאָס זאָל ניט האָבן געווען. דעריבער איז די דעמאָ־קראַטיע אַזוי אַלט, ווי אַלט עס איז דאָס שטרעבן פון מענטשן זיך צו באַפרייען פון זיינע פיזישע און גייסטיקע קייטן. אויב דער פעאָדאַליזם האָט

דער׳הרג׳עט די פּערזאָן און דעם יחיד און אים אונטערגעאָרדנט אונטער א געוויסן צעך אדער שטאנד, אויב די פּערזענלאכע איניציאַטיווע איז געווען געפּענטעט, ווייל איבער אלץ האָט געהערשט דער פּארגליווערטער קאָלעקטיוו פון דער קאָרפּאָראַציע, האָט די דעמאָקראַטיע ווידער געשאפן דעם נייען פרייען מענטש. דער „רענעסאַנס״, וואָס האָט זיך אנטוויקלט אינם 17טן יאָרהונדערט צו אן אומגעוויינלאכן כוח איז געוואָרן א צווייטער „בראשית״. די אלטע אויטאָריטעטן זיינען אַראָפּגעריסן געוואָרן און זיינען טיילוויז געלעגן אין שטויב.

אנגעהויבן האָט זיך די פרייהייטס־באַוועגונג מיט גאָט און רעליגיע. אלטע דאָגמאַטישע קאָלעקטיווע קירכן האָבן ניט געקענט אָנהאַלטן זייער שליטה איבער אומצופרידענע מענטשן. יעדער מענטש האָט געדאַרפט אַליין קומען צו זיין גאָט און זיין אמונה. דער רעפאָרמיזם האָט צום ערשטן מאָל געפאָדערט אין דעם קריסטנטום, אַז דער מענטש זאָל ניט „אַריינ־געבאָרן״ ווערן אין אַ רעליגיעזער קהלה, נאָר אַז יעדערער זאָל אויפן סמך פון זיין אייגענעם רצון און באַשלוס אַריינגיין אין זיין גלויבן. דערפון נעמט זיך די פאָדערונג, אַז דאָס טובל־זיין זאָל ניט געטאָן ווערן איבער אומוויסנדיקע זויג־קינדער, נאָר דאָן, בשעת דער מענטש האָט שוין דער־גרייכט דעם עלטער פון פולער רייפקייט. נאָך אַ וויכטיקע פאָדערונג איז געווען די איבערזעצונג פונם תנ״ך און עוואַנגעליום אין דער פאָלקס־שפּראַך פון יעטווידן גלויביקן. אונטער דער קאַטוילישׁ - פויפּסטלאַכער ממשלה איז די ביבל געווען אַ „סתרי־תורה״, אַ געהיים־בוך פאַרן מאַסן־מענטש. לאַטייניש האָט דער קריסט פון אַ גאַנץ יאָר ניט פאַרשטאַנען. די קירך האָט זיך גייסטיק און אָרגאַניזאַטאָריש אָנגעהויבן צו נאַציאָנאַ־ליזירן. דאָס איז אויך געווען דער תוך פון דעם רעליגיעזן אַנגליקאַנישן פּראָטעסטאַנטיזם אין ענגלאַנד און שפּעטער אין צענטראַל־אייראָפּע.

פון דער רעליגיע האָט זיך דער אויפקלערונגס־ברען אריבערגעוואָרפן אויף קונסט, פילאָזאָפיע און פּאָליטיק. דער רענעסאנס פון דער קלאַסי־שער פשטות און נאַטירלאכקייט איז געגאנגען האַנט ביי האַנט מיט א פאַרוועלטלאכונג פון דער קונסט. אין מיטלאַלטער זיינען פילאָזאָפיע און קונסט נאָר געווען דינסטן פון דער אַלמעכטיקער רעליגיע. מאָלעריי, סקולפּטור און מוזיק האָבן נאָר געדינט דער פאַרהערלאכונג פון קריסטנ־טום, דעם „מאַדאָנען־קולט״ און דער פאַרשענערונג פון דער קירך און קלויסטער. מיטן רענעסאנס איז די קונסט און מיט איר אויך די פילאָזאָפיע אַרויס פון דער ענגער לופט פון קירכלאכן ווירוויך און ליכטער־חלב אויף דער פרייער פרישער נאַטור.

די גאַנצע וויסנשאַפט און קונסט האָבן זיך בהדרגה אָנגעהויבן צו פאַרוועלטלאכן. ניט אין אלע לענדער איז דער פּראָצעס פאָרגעקומען

מיט דער זעלבער שנעלקייט. פאַראויסגעגאַנגען זיינען די מערבדיקע פּראָ־טעסטאַנטישע לענדער, ווי א שטייגער ענגלאַנד, האָלאַנד, סקאַנדינאַווישע לענדער און די אַנדערע קאַמף־לאַבאָראַטאָריעס פון אויפקלערונג און פריי־הייט ווי פראַנקרייך און די אַלטע דעמאָקראַטישע שווייץ. נאָכגעגאַנגען זיינען שפּעטער אַזעלכע לענדער ווי דייטשלאַנד, די אַמאָליקע עסטרייכישע מדינות, די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע, די מערב־אייראָפּייאישע סלאַווישע לענדער און ערשט צולעצט די גרויסע רוסלאַנד. די לעצטע איז שוין געקומען כּמעט „אויף אַלעם פאַרטיקן" און האָט ניט דורכגעמאַכט דעם גאַנצן ליידנס־וועג פון פאַרוועלטלעכונג און דעמאָקראַטיזירונג.

מיר זעען אַזוי אַרום ווי טיף עס ליגט דער הינטערגרונט פון דער דעמאָקראַטיע.

דער געשיכטלאַכער הויך־פּונקט פון דעם קאַמף פאַר דעמאָקראַטיע איז געווען דער 18טער יאָרהונדערט. אויסגעדריקט אין נעמען ציט זיך די יחוס־קייט פון אַט דעם קאַמף דורך אַזעלכע טיטאַנען פון דעם מענטש־לאַכן געדאַנק ווי די פאָלגנדיקע: הוגאָ גראָציוס און ברוך שפּינאָזאָ אין האָ־לאַנד (17טער יאָרהונדערט), מילטאָן, דזשאָן לאָק, בלעקסטאָן און בענטאַם אין ענגלאַנד, וויקאָ און בעקאַריאַ אין איטאַליע, דאַלאַמבער, דידעראָ, וואָל־טער, מאָנטעסקיע און זשאַן זשאַק רוסאָ אין פראַנקרייך, י. קאַלווין און ט. בעזאַ אין דער שווייץ, הערדער, לעסינג, עמנואל קאַנט אין דייטשלאַנד.

אָבער צולעצט זיינען געוואָרן פירער אין דער אויפקלער־באַוועגונג, וואָס איז געווען געווענדט קעגן די קעניגליכע טיראַנען און דער רעאַקציאָ־נערער קירך — די פראַנצויזישע ענציקלאָפּעדיסטן. אין פראַנקרייך, וואו די קעגנזאַצן צווישן דעם פאַרעלטערטן פעאָדאַליזם מיטן קעניגלאַכן אַבסאָ־לוטיזם פון איין זייט און דער אויפשטרעבנדער, געבילדעטער בורזשואַזיע פון דער אַנדערער זייט זיינען געווען באַזונדערס שטאַרק, האָט זיך אויפגע־הויבן אַ באַגייסטערטע און צוגלייך פילאָזאָפיש־פאַרטיפטע פרייהייטס־באַ־וועגונג. וואָלטער האָט אויסגעדריקט די שטימונג פון זיין יאָרהונדערט, ווען ער האָט אָפּטימיסטיש און נביאיש דעקלאַרירט: „יענע פון אונז, וואָס זיינען גענוג יונג צו דערלעבן די פּרוכט פון אונזער אַרבעט, וועלן זען אַ גרויסע רעוואָלוציע און וועלן זוכה זיין צו אַ צייט, אין וועלכער עס וועט כּדאַי זיין געבאָרן צו ווערן אויף דער וועלט". און אַזוי איז עס פאָרגעקומען: סוף 18טן יאָרהונדערט, אין 1789, איז פאָרגעקומען די גרויסע פראַנצויזישע רעוואָלוציע, וועלכע האָט אין דער באַרימטער נאַכט פון 4טן אויגוסט געמאַכט אַ סוף צו דעם פעאָדאַליזם אין פראַנקרייך, אַ סך גרינט־לאַכער איידער די ערשטע בירגערלאַכע רעוואָלוציע אין ענגלאַנד פונם יאָר 1688.

צווישן דער ענגלישער רעוואָלוציע, וועלכע איז פאָרגעקומען אונטער

אליווער קראַמוועל און האָט געלייגט די ערשטע יסודות פאַר דעם שפּע־טערדיקן רעכטס־שטאַט, פאַר דער מלוכה, אין וועלכער עס הערשט דער געזעץ (Rule of Law) און דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, זיינען גע־גרינדעט געוואָרן א ריי נייע אמעריקאַנישע קאָנסטיטוציעס ווי, למשל, די קאָנסטיטוציעס פון ווירדזשיניא, מאַסאַטשוסעטס, מערילענד א. א. וו. א טייל פון די קאָלאָניעס זיינען שוין אָנטשטאַנען נאָך לאַנג פאַרן יאָר 1768.

די דאָזיקע נייע קאָלאָניאַלע קאָנסטיטוציעס, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט דער תקופה פון „מעיפלאַוער", און וואָס האָט געבראַכט די גאָטספּאַרכטיקע פּוריטאַנער און די קוויקערס, די פראַנצויזישע הוגענאָטן און קאַטאָליקן קיין אמעריקע, זיינען ס׳רוב געווען דעמאָקראַטישע און זיינען געווען באַ־גרינדעט אויף דעם געדאַנק פון רעליגיעזער טאָלעראַנץ, הגם די דאָזיקע טאָלעראַנץ איז ניט שטענדיק דורכגעפירט געוואָרן אין לעבן. אַזוי איז אין א טייל פון די נייע קאָנסטיטוציעס אויך פאַרבאָטן געוואָרן שקלאַפעריי, הגם דאָס איז אויך ניט געוואָרן קאָנסעקווענט פאַרווירקלאַכט.

גאָר וויכטיק איז געווען אַנאַנדער זייט פון דער דערשיינונג ביי דער אויס־בילדונג פון דער אמעריקאַנישער דעמאָקראַטיע. בעת אין איראָפּע איז דער שונא געווען אויפן אָרט, בעת דאָרטן איז די אַריסטאָקראַטיע און די קירך מיט זייערע אַלטע און אומגערעכטע פּריווילעגיעס געשטאַנען קעגן שטאַט און ניט דערלאָזט דעם „דריטן שטאַנד" אַנטייל צו נעמען אין דער מאַכט, איז אין אמעריקע די זאַך געשטאַנען אַנדערש. אין דער יונגער אמעריקע זיינען ניט געווען אויפן אָרט די אַלט־פּריווילעגירטע צוויי שטאַנדן. דער אַלטער רעזשים איז געווען אַן אויסערלעכער כח, וועלכער האָט געהאַט אין אמעריקע זיינע גובערנאַטאָרן און זיין אַרמיי, אָבער וועל־כער איז שטענדיק געבליבן אַן אויסערלעכער פיינט. דעריבער איז די אמע־ריקאַנישע רעוואָלוציע געגאַנגען אין דער ריכטונג פון אַן אָפּרייס פון ענגלאַנד און דער הויפּט־צוועק איז געווען פּאָליטישע אומאָפּהענגיקייט. מען קען ניט לייקענען, אַז אין געוויסע געגנטן און קאָלאָניעס איז דער פעאָדאַליזם טיילווייז אימפּאָרטירט געוואָרן קיין אמעריקע, אָבער די נויט־ווענדיקייט זיך צו באַשיצן און צו באַזיגן דעם מעכטיקן און געניטן ענגלישן מיליטער־כח, האָט געשאַפן א געאייניקטן אַנטי־ענגלישן דעמאָ־קראַטישן אמעריקאַנישן פראָנט.

בעת אין איראָפּע האָבן זיך איינצעלנע שטאַנדן, גרופּן און קלאַסן באַקעמפט אין משך פון הונדערטער יאָרן און רעוואָלוציעס זיינען געווען געווענדט נאָר כלפּי פּנים, ד. ה. קעגן אינווייניק, איז די אמעריקאַנער רעוואָלוציע געווענדט געווען קודם כל כלפּי חוץ ד. ה. קיין אויסן קעגן ענגלאַנד. די דאָזיקע דערשיינונג דערקלערט אויך דעם פאַקט, וואָס די

וויט־פּאַרשפּרייטע קאָלאָניעס האָבן זיך אזוי גיך פארבונדן אין א פעדע־ראַטיוון צוזאַמענבונד. אז מען קוקט זיך צו צו די עטלאכע איירּאָפּייאישע פעדעראַציעס זעען מיר, אז זייער צונויפשטעל האָט געדויערט אין דער קליינער שווייץ עטלאכע הונדערט יאָר. איידער דייטשלאנד האָט זיך אויסגעבילדעט אין 1871 אין א געאייניקטער פעדעראַציע, אנשטאָט דעם מישמאַש פון עטלאכע זעכציק צעבּרעקלטע מאָנאַרכיעס, איז אָנגעגאַנגען א היסטאָרישער פּראָצעס פון לאנגע צענדליקער יאָרן. אין אמעריקע וואָס איז אומענדלאך גרעסער פאר דיביידע איירּאָפּייאישע פעדערעאַציעס, האָט דער פּראָצעס אינגאנצן געדויערט א פּאָר יאָר.

אין זייער טאָג־טעגלאכן קאַמף האָבן זיי באַנוצט די אַלטע גייסטיקע כּלי־זין, מיט וועלכן ס׳האָט זיך באנוצט די רעוואָלוציאָנערע ארמיי פון קראָמוועל און וועלכע זיינען נאָך געשמידט געוואָרן אין האָלאנד און דער שווייץ. דער דעמאָקראַטישער קאמף האָט זיך געפירט ארום עטלאכע פּרינציפּן, אונטער וועלכע ס׳האָט ווידער אמאָל — ווי פארצייטן אין ענגלאנד — א גרויסע ראָליע געשפּילט דער כּלל: „קיין שום באשטייערונג אָן פאָלקס־פארטרעטונג״. ווי באקאנט זיינען אונטער די וויכטיקסטע טענות פון די קאָלאָניסטן קעגן ענגלאנד געוועזן דריי באשטייערונגס־פּראָבלעמען: 1) דער צוקער־אַקט, וואָס האָט ארויפגעלייגט א שטייער אויף דעם צוקער און סירּאָפּ, וואָס ווערט געבראכט קיין אמעריקע פון פראנקרייך אָדער וועסט־אינדיע; 2) דער סטעמפּ־אַקט, וועלכער האָט געפּאָדערט אז נאָר באזונדער „גערבאָווע״ פּאַפּיר („סטעמפּד פּייפּער״) זאָל מען געבּרויכט ווערן פאר צייטונגען, אדווערטייזינג, יורידישע דאָקומענטן א. א. וו.; 3) א באזונדער שטייער אויף טיי. די קאָלאָניסטן האָבן געפּאָדערט ארּאָפּצו־נעמען די דאָזיקע שטייערן אזוי לאנג, ווי די פארטרעטער פון די אמערי־קאַנישע קאָלאָניסטן, וואָס דאַרפן געוויילט ווערן אין דעם בריטאַנישן פּאַרלאַמענט, וועלן ניט געבן זייער הסכּמה אויף אָטאָ־די שטייערן.

די קאָלאָניסטן האָבן באַשלאָסן זיך צו פּאַראייניקן כּדי אָפּצוטרייסלען פון זיך דעם יאָך פון ענגלאנד, און ביז צו דער ענדגילטיקער דערגרייכונג פון דער אומאָפּהענגיקייט האָט דאָס אמעריקאנישע פאָלק דורכגעמאכט א פאר־קירצטן אבער זייער אינטענסיוון קאמף פאר דעמאָקראַטיע.

דאָס אַמעריקאנער פאָלק האָט געפילט, אז עס טאָר ניט ווערן אייב־זייטיק אדמיניסטרירט פון דער ענגלישער קאָלאָניאלער רעגירונג און אירע באאמטע. אויך האָבן די עקאָנאָמישע אינטערעסן פון די אויפשטרעבנדע און אויפבליענדע קאָלאָניעס ניט געקאָנט פארטראָגן דעם קאָנטראָל פון ענגלאנד איבער זייער אייגענעם ים־האנדל מיט דער גאַרער וועלט.

צוזאַמען דערמיט האָט אויך די אמעריקאנישע רעוואָלוציע, פּונקט אזוי ווי איר פראנצויזישע שוועסטער־רעוואָלוציע, דערקלערט עטלאכע

„נאַטירלאַכע״ גרונט־רעכט און אמתן, וועלכע דאַרפן געלייגט ווערן אין דעם יסוד פון דער נייער אָרדנונג, דאָס איז געווען דער פּרינציפּ פון גלייכ־הייט.

אין דער דעקלאַראַציע פון דער אומאָפּהענגיקייט לייענען מיר אַלס איינעם פון די גרונט־פּרינציפּן: „מיר האַלטן די פאָלגנדיקע אמתן אַלס זעלבסטפאַרשטענדלאַכע: — אַז אַלע מענטשן זיינען געבאָרן געוואָרן גלייך; אַז זיי זיינען באַשאַנקען געוואָרן פון זייער בורא מיט געוויסע רעכט, וועלכע קאָנען ניט אָוועקגענומען ווערן; אַז צווישן זיי געפינען זיך די רעכט אויף לעבן, פרייהייט און פון זוכן גליק״.

מיט דעם דאָזיקן טעזיס האָט די אַמעריקאַנישע דעקלאַראַציע איבער־גענומען די גאַנצע ירושה פון דער אייראָפּייאישער דעמאָקראַטישער תורה.

דער פּרינציפּ פון גלייכהייט איז דערהויבן געוואָרן צו איינער פון די גרונט־פאָדערונגען פון דער דעמאָקראַטיע. אַלע פריערדיקע דעספּאָטישע רעזשימען, באַזונדערס אונטערן פעאָדאַליזם זיינען געווען באַזירט אויף אומ־גלייכהייט. דער מענטש איז געווען באַהאָפטן צו א געוויסער קאָרפּאָראַציע אַלס איר חבר, ער האָט געהאַט ספּעציפישע רעכט, מיט וועלכע זיין קאָרפּאָ־ראַציע האָט זיך אונטערשיידן פון אַנדערע. אין דער איינגעקעסטעלטער געזעלשאַפט פון פעאָדאַליזם פונקט ווי אין דעם קאַסטן־רעזשים פון אינדיע איז בכלל ניט פאַראַן דער באַגריף פון גלייכבארעכטיקונג.

אָבער שוין אין דער פּרימיטיווער דעמאָקראַטיע (מיט דער אויסנאַם פון די שקלאַפן) האָט געהערשט א גלייכהייט, וועלכע געפינט איר קלאָרסטן אויסדרוק אין דער גלייכבארעכטיקונג. דאָס ווערט שוין אויסגעדריקט אין דעם פּרינציפּ פונם תנ״ך: „חוקה אחת ומשפט אחד לגר ולאזרח בארץ״ „איין רעכט זאָל ביי אייך זיין, פאַר דעם פרעמדן, ווי פאַר דעם בירגער פונם לאַנד״.

ביי די ערשטע דעמאָקראַטיש־רעליגיעזע קריסטלאַכע סעקטעס פון מיטלאַלטער איז די דאָזיקע גלייכהייט באַגרינדעט געווען אויף דעם, וואָס אַלע מענטשן שטאַמען פון אדם און חוה, זיי זיינען פון גלייכן אָפּשטאַם און דערפאַר דאַרפן זיי בלייבן גלייך. יעדער מענטש האָט דעם גלייכן יחוס להיפּך צו דער פעאָדאַלער געזעלשאַפט, וואָס פלעגט אויסטיילן רעכט און כבודים לויט דעם קאָמפּליצירטן לייטער פון געבורט און אָפּ־שטאַם.

שפּעטער, אין דער עפּאָכע פון ראַציאָנאַליזם און אויפקלערונג, איז די גלייכהייט געוואָרן פאַרבונדן מיט דער גלייכווערטיקייט פון יעדן יחיד, פון דעם אַזוי־גערופענעם אינדיווידד. אַנשטאָט אַריסטאָקראַטן אָדער אַדל; אַנשטאָט גייסטליכע, אַנשטאָט דעם דריטן שטאַטישן שטאַנד, דעם צעך־מייסטער און דעם „האַריקן״ פּויער איז אַנטשטאַנען די אידייע פון

דעם „מענטש און בירגער״. יעדער מיטגליד פון דער געזעלשאַפט ווערט אנערקענט אַלס מענטש און אַלס אַזעלכער האָט ער אַלע רעכט פון ביר־גער, ד. ה. פון אַן אַנטיילנעמער אין געזעלשאַפטלאַכע און שטאַטלאַכע ענינים. אַרויסגייענדיק פון אַט דער פרייהייטלאַכער דעמאָקראַטישער פי־לאָסאָפיע פון דעם אויפגעקלערטן 18טן יאָרהונדערט, האָט די פראַנצויזישע רעוואָלוציע אַרויסגעלאָזן איר וויכטיקסטן דאָקומענט: די „דעקלאַראַציע פון רעכט פון דעם מענטשן און בירגער״ פון יאָר 1789. אין דער ראַדי־קאַלסטער פראַנצויזישער קאָנסטיטוציע פון 1793 לייענען מיר: „אַלע מענטשן זיינען פון דער נאַטור גלייך״.

דאָס איז די ראַדיקאַלסטע מסקנה, וואָס די יונגע דעמאָקראַטישע תורה האָט געמאַכט פון דעם ביבלישן „צלם ה׳ ״, יעדע באַשעפעניש, וואָס טראָגט דעם גאָט־ענלאַכן פּרצוף־פּנים, איז גלייך איינע צו דער צווייטער, ניט קוקנדיק און אַלע איבעריקע באַזונדערקייטן, און דעריבער מוז אויך הערשן אַ גלייכהייט צווישן מענטשן.

אָבער הגם די דעמאָקראַטישע מלוכה האָט ניט פאַרווירקלאַכט די גלייכ־הייט אין פראַגן פון פאַרמעגן, האָט זי, די דעמאָקראַטיע, צום ערשטן מאָל דורכגעפירט די גלייכהייט פון מענטשלאַכע רעכט. די גלייכבארעכטיקונג איז געוואָרן אַ זעלבסט־פאַרשטענדלאַכקייט אין דער רעכטלאַכער מלוכה פונם 19טן יאָרהונדערט. הגם די שפּעטערע רעזשימען פונם 19טן יאָר־הונדערט האָבן ניט קאָנסעקווענט דורכגעפירט די דעמאָקראַטישע דאָק־טרין, — אָבער גלייכבארעכטיקונג איז דאָך געוואָרן דער פונדאַמענט פון דעם מאָדערנעם בירגערלאַכן קאָנסטיטוציאָנאַלן שטאַט ביז צום אָנהויב פון דער ערשטער וועלט־מלחמה 1918־1914.

דער צווייטער פּרינציפּ, וועלכער איז פּראָקלאַמירט געוואָרן פון דער פראַנצויזישער און אַמעריקאַנישער רעוואָלוציע איז פרייהייט.

אויך דער דאָזיקער פּרינציפּ קען נאָר פאַרשטאַנען ווערן אַלס אַן אַפּלייקענונג פונם פעאָדאַליזם. פונקט ווי גלייכהייט איז געווען דער היפוך פון דער פעאָדאַלער אומגלייכקייט, אַזוי איז פרייהייט אויך אַ היפוך פון דער פעאָדאַלער געבונדנקייט. אין אַ פעאָדאַלער געזעלשאַפט איז יעדער מענטש געווען „צוגעשריבן״ צו אַ באַשטימטן קאָלעקטיוו אָדער קאָרפּאָראַציע. יע־דערער איז געווען אַ „נכתב״ צו זיין אייגענעם שטאַנד. זיין שטאַנד האָט וועגן אים געזאָרגט, האָט אים באַזאָרגט מיט אַרבעט, האָט אים באַלוינט און באַשטראָפט. יעדער מענטש האָט זיך אויסגעלעבט אין דער דאָזיקער צוגע־בונדנקייט. מער נאָך: ווער עס האָט ניט געהערט צו קיין שום קאָרפּאָראַציע אָדער שטאַנד, איז געווען אַן אומגליקלאַכער, אַ נע־ונד׳ניק, אַ „בראָדיאַגע״, גלייכבאַדייטנדיק מיט אַ פאַרברעכער. אויב מען האָט אין דער פעאָדאַלער

געזעלשאַפט געוואַלט אַרויפלייגן אויף אַ מענטשן די גרעסטע שטראָף, האָט מען אים דערקלערט „פויגל־פריי". ערשט מיט דער אַנטוויקלונג פון פרייהייט איז אַנטשטאַנען די מעגלעכקייט פאַר זיך צו באַוועגן זיך פריי, צו דענקען און פריי צו גלויבן.

אויב מיר זאָלן נעמען די גאַנצע גרויסע תקופה פון 19טן יאָר־הונדערט קענען מיר זאָגן, אַז ביז דער תקופה פון דער רעוואָלוציע פון 1848, וועלכע איז צוערשט אויסגעבראָכן אין פראַנקרייך און דאַן פאַרשפּריט זיך איבער אַ סך אַנדערע לענדער, האָט געהערשט דער קוק, **אַז די מלוכה איז** ניט מחויב צו זאָרגן פאַר דער דערהויבונג און פאַרן אויסגלייך פון דער סאָציאַ־לער לאַגע און וואוילשטאַנד פון די מאַסן. עס איז אינטערעסאַנט, אַז אין די דריי וויכטיקסטע מערבֿ־אייראָפּייִשע לענדער זײַנען דערשינען אַרום דערזעל־ביקער צייט און אומאָפּהענגיק איינע פון דער אַנדערער דריי אַרבעטן פון דריי מחברים: דזשאָן סטואַרט מיל — אין ענגלאַנד („איבער דער פרייהייט"), לאַבולע — אין פראַנקרייך („איבער די גרעניצן פון מלוכה־מאַכט") און וו. הומבאָלט („אַ פּרוּוו צו באַשטימען די גרעניצן פאַר דער מלוכה־טעטי־קייט") אין דייטשלאַנד.

לויט אַלע דריי מחברים האָט די מלוכה נאָר ריין־פּאָליטישע אויפגאַבן. דאָס הייסט, זי דאַרף געבן געוויסע רעכט די בירגער זיך צו באַטייליקן אין דער מאַכט, די קאָנסטיטוציעס מוזן אויך פעסטשטעלן, ווי ווייט די אָרגאַנען פון דער מאַכט מעגן זיך אַריינמישן אין דעם לעבן פונם יחיד. אָבער די מלוכה באַגרעניצט זיך נאָר מיט דעם הערשן איבערן פאָלק און מיט דער פאַרטיילונג פון מאַכט אונטער די אויספירנדע, געזעצגעבערישע און געריכטלעכע אָרגאַנען. **די מלוכה האָט אָבער גאָר ניט צו טאָן אויף דעם ווירטשאַפטלעכן גע־ביט.** זי טאָר זיך ניט אַריינמישן אין לעבן פונם יחיד אַלס ווירטשאַפט־לעכער כוח פון דעם פּראָדוצירנדן כלל. זי מוז לאָזן פולע פרייהייט דער שפּיל פון די סאָציאַלע כוחות. די מלוכה מוז זײַן נאָר דער פּאָליטישער שומר, אָבער ניט דער סאָציאַלער גואל, און די דאָזיקע טעאָריע האָט אַנט־שפּראָכן דער פּאָליטישער פּראַקטיק פון דער נייער מלוכה, ביז וואַנעט סאיז ניט געקומען די רעוואָלוציע פון 1848 מיט איר „רעכט אויף אַרבעט" און מיט די „נאַציאָנאַלע וואַרשטאַטן", אַן אידייע, וואָס האָט שפּעטער, ווי מיר וועלן זען, דערפירט צו ברייטער סאָציאַלער געזעצגעבונג.

אָבער די יונגע אייראָפּייִשע און אַמעריקאַנישע דעמאָקראַטיעס, וואָס זײַנען געווען באַגרינדעט אויף זייערע אייגענע אַנטי־פעאָדאַלע רעוואָלוציעס, האָבן דאָס רעכט געהאַט זיך צו האַלטן ביי דעם ענגן פירוש, און ניט צו נעמען אויף זיך אויפגאַבן פון סאָציאַלער רעפאָרם.

קאַפּיטל II

די דעמאָקראַטיע אין 19טן יאָרהונדערט

מיר האָבן געזען א דאַנק וועלכע אומשטענדן און אין וואָס פאַר א פאָרם ס'איז אנטשטאַנען די מאָדערנע דעמאָקראַטיע. דער סוף פונם 18טן יאָרהונדערט האָט אויפגעשטעלט די דעמאָקראַטיע אלס א מין רעליגיע פון דער אונטערדריקטער מענטשהייט. די איינצעלנע גרויסע פירנדע לענדער ווי ענגלאַנד, פראַנקרייך און אמעריקע האָבן געהאַט זייער „מתן תורה" אין פאַרשיידענע צייטן, אָבער אין דער גאַרער וועלט איז דער איבערגאַנג פון פעאָדאַלער קנעכטשאַפט צו דעמאָקראַטישער פרייהייט רייף געוואָרן סוף 18טן און אָנהויב 19טן יאָרהונדערט.

אָבער דאָס איז נאָר געווען דער אָנהויב. באמת האָט זיך די דעמאָ־קראַטיע אנטוויקלט ערשט אין דעם 19טן יאָרהונדערט און איז אריין אין טאָג־טעגלאכן לעבן אין די 80ער יאָרן פון נײַנצענטן און דעם ערשטן דריטל פונם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. דעמאָקראַטיע, ווי יעדער אנדערער פּאָליטישער סדר קען געמשפט ווערן נאָר נאָך דער „הבדלה", נאָכדעם ווי ס'איז אריבער די פּייערלאכע יום־טובדיקע צוגרייטונגס־תקופה און דער רעזשים איז געוואָרן וואָכעדיק און נאָרמאַל.

דער אני מאמין פון דער נייער דעמאָקראַטיע

די באַשרענקטע ראַמען פון דער דאָזיקער ארבעט דערלאָזן ניט ארײַנצוגיין אין אַלע פּרטים פון דער קריטיק. און די דעמאָקראַטיע גיט ווי יעדע וויכטיקע היסטאָרישע דערשיינונג א בילד פון א גרויסער סתירה צווישן דער טעאָריע און פּראַקטיק, צווישן דער „הלכה" און „מעשה". די דעמאָקראַטיע איז געווען אין איר ערשטער אנטפלעקונג אזוי צו זאָגן א וועלטלאכע רעליגיע, וויל נאָר אַזאַ פּאָליטישע באַוועגונג, וואָס איז אויפגענומען געוואָרן ווי א מין רעליגיעזע שיטה האָט געקענט גובר זיין די אַלטע דאָגמאַטישע רעליגיע, וועלכע האָט גע־שטיצט די פּאַרגליווערטע פאָרמעס פון דער אונטערדריקונג. דער „אני מאמין" פון דער דעמאָקראַטיע קען אויסגעדריקט ווערן אין פאָלגנדע פיר עיקרים:

1) דער הערשער איז פאַראַנטוואָרטלאַך צום פאָלק, ווען ס'געהערט די העכסטע מאַכט.

2) פרייהייט, גלייכהייט און ברידערלאַכקייט פאַר אַלע בירגער.

3) באַגרעניצונג פון דער מלוכה־מאַכט דורך רעכט־גאַראַנטיעס בנוגע געריכטן, געזעצגעבונג און אדמיניסטראַציע. די מלוכה איז פאַראַנטוואָרט־לאַך פאַרן כלל און יחיד אין פּאַרלאַמענט אין געריכט.

4) די אומבאַרירבאַרע „נאַטירלאַכע" רעכט פונם יחיד: א) אויף זיין גליק און וואוילטאָג, און ב) אויף פרייער קריטיק אין געזעלשאַפטלאַך־פּאָליטישע פראַגן, אין דער וויסנשאַפט און רעליגיע.

שוין לכתחילה קענען מיר זאָגן, אז די דעמאָקראַטישע עשרת הדברות זיינען פּונקט אזוי ווייניק פול דורכגעפירט געוואָרן אין לעבן ווי די „עשרת הדברות" פון באַרג סיני אָדער אַנדערע רעליגיעזע־מאָראַלישע אני מאמינס.

אָבער קריטיקירנדיק היינט די מאָדערנע דעמאָקראַטיע האָבן מיר א סך רייכערן פאַרגלייך־מאַטעריאַל, איידער מיר האָבן געהאַט ביז צו דער ערשטער וועלט־מלחמה פון 1914־1918. פריער האָבן מיר נאָר געקענט פאַר־גלייכן די דעמאָקראַטיע מיטן פעאָדאַליזם אדער מיט דער טיראַניע פון אן אבסאָלוטער מאָנאַרכיע. איצט האָבן מיר א באַזונדערע נייע פּאָליטיש־געזעלשאַפט דערשיינונג — די דיקטאַטור מכל המינים אָדער די טאָטאַלי־טאַרע מלוכה: אין דער ראַטן־רוסישער פאָרם, (זינט 1918) אין דער פאַ־שיסטיש־איטאַליענישער פאָרם (זינט 1923) און אין דער נאַצי־דייטשער אנטפּלעקונג (זינט 1933). אזוי ארום קען דער פאַרגלייך איצט געמאַכט ווערן ניט נאָר מיט דער אַמאָליקער הפקרות, וועלכע איז באַזיגט געוואָרן דורך דער בירגערלאַכער דעמאָקראַטיע, נאָר אויך מיט דער היינטיקער און מאָרגנדיקער אַלמעכטיקייט פון דער דיקטאַטור, וואָס האָט אין די גרעסטע צאָל אייראָפּייאישע לענדער גובר געווען די דעמאָקראַטיע.

פאָרמעלע און סאָציאַלע דעמאָקראַטיע און די וואַל־רעכט

עס איז שוין געוואָרן אַן אַלטער פּזמון צו זאָגן, אז דעמאָקראַטיע האָט נאָר געבראַכט פאָרמעלע רעכט, אויסערלאַכע גלייכהייט און פרייהייט, אָבער אַז זי האָט ניט געבראַכט דער וועלט קיין סאָציאַלן אינהאַלט. וואולגאַר אויסגעדריקט הייסט עס: „פּאָליטישע פרייהייט קען מען ניט קייען!" אָט די זייער אָנגענומענע טענה קעגן דעמאָקראַטיע איז גערעכט נאָר טיילווייז. מען דאַרף זיך דעריבער אָפּגעבן א וויסנשאַפטלאַכן דין־וחשבון, זיך פאַנאַנדערקלייבן אין דער דערשיינונג, ווי זי האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין פאַרשיידענע לענדער, אויב מען וויל ניט פשוט איבערחזרן אָפּגעדראָשענע פראַזעס.

אין משך פונם 19טן יאָרהונדערט איז דער הויפּט אויסדרוק פון דער פּאָליטישער פרייהייט באַשטאַנען אין ווילן און געוויילט צו ווערן.

פרייהייט און וואַלן זיינען געוואָרן סינאָנימען.*) די מאָס פון דער פרייהייט
איז באַשטימט געוואָרן דורך דעם וויפיל מענטשן ס'קענען נעמען אן אנטייל
אין די וואַלן פון די אנטשיידנדיקע פּאָליטישע אָרגאַנען: קודם כל אין
פּאַרלאַמענט און אין די שטאָט־מוניציפּאַליטעטן. גלייך פון אָנהויב 19טן
יאָרהונדערט פאַר און אפילו נאָך דער ליקווידאַציע פון דער רעאַקציאָנערער
הייליקער אַליאַנץ האָט דאָס וואַל־רעכט געגעבן די ערשטע מעגלאכקייט
בהדרגה און לאַנגזאַם אריינצודרינגען אין די אלטע מאָנאַרכישע און האלב־
פעאָדאַלע מלוכות, וועלכע האָבן ניט דורכגעמאכט קיין רעוואָלוציע. דורך
דעם אריינדרינגען אין די פּאַרלאַמענטן און די שטאָט־ און קרייז־פּאַרוואַל־
טונגען האָט מען ניט נאָר געוואָלט פארווירקלאכן פּאָליטישע פרייהייט און
גלייכהייט, נאָר מיט דעם האָט מען געהאָפט צו פּאַרשאַפן א ברייטערן וועג
פאַרן קאַמף פאַר די אינטערעסן פון די מאַסן. די כוונה איז געווען צו
ערשט ניט צו בייטן די געזעצגעבערישע רעכט פונם פּאַרלאַמענט אויפן
חשבון פון דער קעניגלאכער מאַכט, נאָר אויפהאַלטנדיק די אלטע פאָרמעס,
אריינגיסן אין זיי א נייע פּאַרטרעטערשאַפט, א נייע פאָלקס־רעפּרעזענ־
טאַנץ. אויב די פריערדיקע דעפּוטאַטן האָבן געהערט צו די פּריווילעגירטע
קלאַסן פון לאַנד־ און הויז־אייגנטימער אדער פון דער פאַרמעגלאכער אינ־
טעליגענץ און די באַאַמטן־קרייזן, האָט די נייע דעמאָקראַטישע באַוועגונג גע־
שטרעבט אריינצוברענגען א נייע פאַרטרעטערשאפט, פון ארבעטער, פּויערים
און אומפאַרמעגלאכן שטאָטישן „דריטן עלעמענט" — קליין־בירגערשאפט
און אומפאַרמעגלאכע אינטעליגענץ.

לאָמיר, למשל, נעמען פראנקרייך אין דער צייט פון לואי דעם 18טן, וועל־
כער האָט אין 1814 מיט זיין „קאָנסטיטוציאָנעלער כאַרטיע" רעסטאַווירט
די פראנצויזישע מאָנאַרכיע נאָך דעם ענדגילטיקן זיג איבער נאַפּאָלעאָנען.
דער ניי־געשאַפענער פראַנצויזישער פּאַרלאַמענט איז געבויט געוואָרן אויפן
פּרינציפּ פון וואַלן, וועלכע זיינען באגרעניצט געווען דורך עלטער און דורך
דעם פאַרמעגן פון די וויילער; נאָר מענער איבער 40 יאָר אַלט, וועלכע
האָבן געצאָלט א דירעקטן שטייער ניט ווייניקער פון 300 פראנק האָבן
געמעגט ווילן, און געווילט ווערן האָבן נאָר געקענט בלויז יענע אין עלטער
פון 40 יאָר, וועלכע האָבן געצאָלט ניט ווייניקער פון 1000 פראַנק שטייערן.
דאָס האָט געבראכט צו א פּלוטאָקראטישן פּאַרלאַמענט און אין דער דעמאָל־
טיקער פראנקרייך מיט איר 29,000,000 באַפעלקערונג האָבן נאָר הונדערט
טויזנט מענטשן געקענט ווילן און צוועלף טויזנט געווילט ווערן. גענוג
צו דערמאָנען, אַז די יולי־רעוואָלוציע פון 1830 אין פראנקרייך איז ארויס־

*) פארגלייך דעם בוך: M. OSTROGORSKI, Democracy and the Party System, New York, 1912.

גערופן געוואָרן דורך דעם פּרואוו צו פאַרשמעלערן די וואַל־רעכט אין פּאַר־לאַמענט. וואַל־רעכט און פרייהייט פון דער פרעסע — אַ פּאַרמעל־דעמאָ־קראַטישע פאָדערונג — האָבן געמאַכט אַ סוף צו דער רעסטאַוראַציע אין פראַנקרייך, ליקווידירט די „הייליקע אַליאַנץ" אין גאַנץ אייראָפּע און אַרויס־גערופן רעוואָלוציאָנערע אויפברויזן אין פּוילן, דייטשלאַנד, איטאַליע, שווייץ און ענגלאַנד און געשאַפן די ערשטע באמת דעמאָקראַטישע מאָנאַרכיע — בעלגיע.

נאַטירלאַך וואָלטן אַזעלכע גרויסע רעזולטאַטן געווען אוממעגלאַך, אויב עס וואָלט זיך באמת נאָר געהאַנדלט וועגן פאָרמעלער דעמאָקראַטיע. הינ־טער די פראַגן פון וואַל־רעכט זיינען געשטאַנען וויכטיקע סאָציאַלע, עקאָ־נאָמישע און קולטור־פּאָליטישע אינטערעסן.

דער בעסטער באַוויז דערפאַר איז די געשיכטע פון דער וואַל־רעפאָרם באַוועגונג וועלכע האָט געפירט צו דעם „רעפאָרם־ביל" פון 1832 אין ענגלאַנד.

דווקא אין ענגלאַנד האָט די שטאַרקע אַנטוויקלונג פון דער אינדוסטריע אין אָנהויב פונם 19טן יאָרהונדערט געפירט צו א קאָלאָסאַלער פאַרגרעסע־רונג פון דעם פאַבריק־פּראָלעטאַריאַט און איז געגאַנגען האַנט אין האַנט מיט דער פאַראָרימונג און דעקלאַסירונג פונם פויער. די געזעצגעבונג האָט ביז דאַן אינגאַנצן ניט באַשיצט דעם ארבעטער, זיין פרוי און קינדער. דאָס איז געגאַנגען אויף אַזוי וויט, אַז קינדער פון 10־11 יאָר האָבן שוין געאַרבעט אין פאַבריקן און אפילו אין דער פאַרגיפטעטער לופט פון די קוילן־גרובן. ארום 1815־1816 האָט זיך אָנגעהויבן א ראַדיקאַלע באַוועגונג פאַר אויסבעסערונגען לטובת די אונטערדריקטע פאָלקס־שיכטן, בראש האָט זיך צוערשט געשטעלט וויליאם קאָבעט, א זון פון א לאַנד־ארבעטער. די דאָזיקע באַוועגונג האָט זיך אָבער אָנגעשטויסן אויף א בלינדער וואַנט פון א פּריווילעגירטן פאַרלאַמענט, אין וועלכן די פאָלקס־שיכטן זיינען כמעט ווי אינ־גאַנצן ניט געווען פאַרטראָטן. ניט קוקנדיק אויף דער קראָמוועל רעוואָלוציע פון 1688, איז אָבער דער רעסטאַווירטער ענגלישער פאַרלאַמענט נאָך אַלץ געבליבן הויפּטזעכלאַך א פעאָדאַלע רעפּרעזענטאַנץ פון דער לאַנד־אַריסטאָ־קראַטיע. פולשטענדיקע פעסטונגען פון די פּריצים זיינען געווען די גראַפ־שאַפטן־פאַרוואַלטונגען (די „קאָונטיס"). מיט דער פאַרגרעסערונג פון דער באַפעלקערונג און דער אינדוסטריאַליזירונג פון לאַנד איז דער פאַרלאַמענט ניט רעפאָרמירט געוואָרן אין משך פון איבער 200 יאָר. מאַיאָנטקעס, וואָס זייערע וואַל־צענטערן זיינען געלעגן אין אונטערגעגאַנגענע שטעטלאַך (rotten boroughs) האָבן נאָך אַלץ געשיקט זייערע דעפּוטאַטן. עס איז א היסטאָרישער פאַקט, אז אָפּט פלעגט דער פּריץ און אייגנטימער פון א שטאָט, וואָס איז אין משך פון הונדערט יאָר אָדער מער אַ דאַנק דעם געאָלאָ־

גישן זינקען פון באַדן אינגאַנצן פאַרפלייצט געוואָרן, — ארויספאָרן אויף א שיפל אויפן מיטן וואסער, וואו ס'איז אמאָל געווען זיין מאַיאָנטעק, און פלעגט פייערלאַך פּראָקלאַמירן די דערעפנונג פון דעם וואַל־מיטינג און פאָרלייגן זיך אליין אלס דעם קאנדידאַט אין פאַרלאַמענט. דערנאָך פלעגט ער „פעסט־שטעלן", אז קיינער איז ניט קעגן און פלעגט דערקלערן, אז דער קאַנדידאַט איז איינשטימיק געוויילט געוואָרן. און דאָס אלץ איז מעגלאַך געווען אין דער צייט, בשעת א גרויסע אינדוסטריעלע שטאָט ווי מאַנטשעסטער, מיט 140,000 באַפעלקערונג, האָט ניט געהאַט קיין איינציקן דעפּוטאַט. דאָס זעל־ביקע בירמינגהאַם, לידס, שעפילד א. א.

אויפן סמך פון די אַלע טרויעריקע דערשיינונגען האָט קאַבעט געזוכט צו איבערצייגן די ענגלישע אַרבעטער און ראַדיקאַלן, אַז די ערשטע פאָדע־רונג, כדי צו הויבן און פאַרבעסערן די סאָציאַלע און עקאָנאָמישע לאַגע פון די מאַסן, דאַרף זן קודם־כל — אויסקעמפן וואַל־רעכט. אַזוי אַרום איז די פאַרלאַמענטאַרישע וואַל־רעפאָרם געוואָרן דער ווינקלשטיין פון יעטווי־דער קינפטיקער סאָציאַלער רעפאָרם. צוערשט די כלי און דערנאָך דער אינהאַלט, וועלכן מען דאַרף אַריינגיסן אין איר. די אָפּגעשטאַנענע „טאָריס" האָבן אַרויסגעוויזן פאַרעקשנטן ווידערשטאַנד, אָבער וואָס מער זיי זיינען געווען איינגעשפּאַרט, אַלץ פּאָפּולערער איז געוואָרן די באַוועגונג פאַר וואַל־רעפאָרם צווישן די ענגלישע פאָלקס־מאַסן. דער רעפאָרם־ביל איז סוף־כל־סוף, נאָך אַ שטורמישן ווידערשטאַנד, אָנגענומען געוואָרן אין יוני 1832. דער ביל האָט אונטערגעבראַכן די פאַרלאַמענטאַרישע ממשלה פון דעם אַדל („דזשענטרי"), ער האָט אויך אַריינגעפירט אַ סך פאָרטרעטער פון דער בורזשואַזיע אין פאַרלאַמענט, אָבער דער מינימום — איערלאַכער רענט־ווערט פון 10 פונט סטערלינג שטייער פאַר אַרענדירטע אָדער אייגענע הייזער איז געווען צו הויך, כדי אין פאַרלאַמענט זאָלן קענען דערוויילט ווערן פאָרטרעטער פון אַרבעטער. דאָס איז נאָר געוואָרן מעגלאַך מיט דער צווייטער גרויסער וואַל־רעפאָרם פון 1867.

דער קאַמף פאַר די „פאָרמעלע" דעמאָקראַטישע וואַל־רעכט איז געוואָרן די נשמה פונם טשאַרטיזם. זיין פּראָגראַם פון קאַמף קעגן דעם „פאַר־פוילטן" פאַרלאַמענט איז געוואָרן פאָרמולירט אין דעם „פיפּלס טשאַרטער" פון 1838, וועלכער איז דערלאַנגט געוואָרן דעם ענגלישן פאַרלאַמענט אַלס אַ פּעטיציע.

נאָך נאָכדעם, ווי אין 1867 איז איינגעפירט געוואָרן אלגעמיינע וואַלן, האָט זיך אָנגעהויבן אין פאַרלאַמענט אַ מעכטיקע געזעצגעבונג פון אַרבע־טער־שוץ, באַגרעניצונג פון אַרבעטס־שעהן, אָבליגאַטאָרישע שולן פאַר קינ־דער, סאַניטאַרע גאַראַנטיעס און אַ ברייטע נעץ פון פאַבריק־אינספּעקטאָרן און דאָקטוירים. זינט 1878 האָט זיך אויף אַ פרידלאַכן אופן אריינגעריסן

די רעוואָלוציע פון דער מלוכהשער השגחה איבער דעם פּריוואַט אונטער־נעמער. 'Laissez faire, laissez passer' דער אַלטער מאַנטשעסטער־פּרינציפּ „לאָזט יעדן טאָן וואָס ער וויל" איז אָפּגעשאַפט געוואָרן, און מיט דעם איז אונטערגעגראָבן געוואָרן אַ גרונט־זייל פון דעם אומבאַגרעניצטן קאַפּיטאַליזם.

די סאָציאַלע געזעצגעבונג פאַר ארבעטער. 70ער און 80ער יאָרן

די פּאַרמעלע דעמאָקראַטישע כלי האָט זיך אָנגעהויבן אָנצופילן מיט אַ סך אינהאַלט. דער דאָזיקער אַקט פון 1878 איז שפּעטער פאַרברייטערט געוואָרן דורך דעם באַרימטן „פעקטאָרי־ענד־וואָרקשאָפּ אַקט" פון 1901, וועלכן דער באַוואוסטער ענגלישער פּאָליטיקער פּראָפ. דייסי רופט אָן „די וויכטיקסטע דערגרייכונג פונם ענגלישן סאָציאַליזם".*). אונטערן דעקטוך פון פאָרמעלער דעמאָקראַטיע, פון וואַל־רעכט און געזעצגעבונג איז געענ־דערט געוואָרן דער רייך־אינדיווידואַליסטישער צוגאַנג פון דער פראַנצוי־זישער און ענגליש־אַמעריקאַנישער עמאַנסיפּאַציע פונם 18טן יאָרהונ־דערט. עס איז פאָרגעקומען אַ שטילע רעוואָלוציע, וואָס האָט אינגאַנצן איבערגעאַנדערשט דעם פּנים פון דעם קלאַסישן קאַפּיטאַליסטישן ענגלאַנד. דער אַלטער קאָבעט האָט געהאַט אויף אַזוי וייט רעכט מיט זיינע געדאַנ־קען פון דער פּריאָריטעט פון וואַל־רעכט, אַז צום סוף פון 19טן און אָנ־הויב 20טן יאָרהונדערט איז דער ענגלישער אַרבעטער־קלאַס געוואָרן דער באַשטימענדער כוח אין לעבן פון לאַנד.

דאָס האָט אפילו אָנערקענט דער גרעסטער שונא פון דער דעמאָקראַטיע ג. לעבון אין זיין בוך איבער „רעוואָלוציע און מלוכה". ער האָט אָנגעוויזן, אַז די לאַנגע עפּאָכע פון פאָרמעלער דעמאָקראַטיע און געזעצגעבערישע פּאַרלאַמענט־רעפאָרמען האָט שטאַרק אויסגעבעסערט די לאַגע פון די ענגלישע אַרבעטער־מאַסן, אָבער צוגלייך דערמיט אָפּגעשוואַכט זייער רעוואָלוציאָנערן רצון איבערצואַנדערשן אויף אַ געוואַלט־מעסיקן אופן דעם קאַפּיטאַליזם.

און טאָמער מיינט דער לעזער, אַז די דאָזיקע דערגרייכונגען פון דער פאָרמעלער דעמאָקראַטיע פאַר דעם סאָציאַלן „אינהאַלט" און עקאָנאָמישער אויסבעסערונג פון די ברייטע פאָלקס־מאַסן באַציט זיך נאָר אויף פראַנקרייך און ענגלאַנד, די מוטערלענדער פון די פּראָגרעסיווע היסטאָרישע רע־וואָלוציעס, טאָ האָט ער אַ גרויסן טעות.

דער זעלביקער פּראָצעס, אמת אין אַנדערע פאָרמען, איז אויך פאָרגע־

*) פאַרגלייך דעם בוך: A. Dicey, Law and Public Opinion in England

קומען אין די 70ער און 80ער יאָרן פון פאַריקן יאָרהונדערט אין דער פּאָליטיש־אָפּגעשטאַנענער דייטשלאַנד. דער „אייזערנער קאַנצלער" ביס־מאַרק, דער באַזיגער פון פראַנקרייך און דער פּאַריזער קאָמונע האָט, ווייזט אויס, פאַרשטאַנען, אַז אַפילו די מיליטאַריסטיש־פעאָדאַלע און מאָנאַרכיס־טיש האַלב־קאָנסטיטוציאָנעלע דייטשלאַנד קען אויך אויסהאַלטן אן „איינ־שפּריצונג" פון צוויי גרונט־יסודות, וועלכע מערב־איראָפּע האָט אנערקענט פריער און ארויסגעטראָגן אלס רעוואָלוציאָנערע פאָדערונגען. די פּאַריזער קאָמונע פון 1871, וועלכע איז געשאַפן געוואָרן אין דער פאַרצווייפלונג פון מלחמה־נויט, אזוי ווי שפּעטער איר אינגערע רוסישע שוועסטער, די אָק־טאָבער־רעוואָלוציע אין 1917, האָט געשטויסן ביסמאַרקן אויפן געדאַנק, אַז עס איז בעסער ניט צו דערפירן די ארבעטער־מאַסן צו פאַרצווייפלונג, עס איז קליגער זיי צו מאַכן פילן, אַז די באַשטייענדיקע אָרדנונג פאַרשטייט אויך צו זאָרגן וועגן זייער עקאָנאָמישן קיום און אינדיווידועלע רעכט. פון דעם געדאַנקענגאַנג ארויס האָט ביסמארק אריבערגעטראָגן קיין דייטשלאנד צוויי דעמאָקראטישע דערגרייכונגען: 1) אלגעמיינע וואל־רעכט און 2) ארבעטער־געזעצגעבונג.

אינטערעסאַנט איז דערביי, אז ביסמארק איז געווען זייער קאָנסעקווענט. אויף דעם געביט פון וואַל־רעכט איז ביסמארק געווען ראַדיקאַלער פאַר ענגלאַנד און אויפן געביט פון סאָציאַלער געזעצגעבונג א סך ראַדיקאַלער איידער די פראַנצויזישע דעמאָקראַטישע רעפּובליק. ביסמארק האָט צום ערשטן מאָל איינגעפירט אין דעם גאַנצן דייטשן רייך אלגעמיינע, געהיימע, גלייכע און דירעקטע וואַל־רעכט. א וואַל־סיסטעם, וואָס עקזיסטירט נאָך היינט ניט אין אמעריקע. עס זיינען נאָך אלץ פאַרבליבן די אומ־גלייכע און פיל־שטופיקע אָפּגעשטאַנענע וואַל־רעכט אין די איינצל־פּאַרלאַ־מענטן פון די פּאַרטיקולארע שטאַטן, ווי אין פּרייסן, בייערן א. א. וו. אָבער דער אַל־דייטשער פעדעראלער רייכסטאַג אין בערלין האָט געקראָגן א ראַדיקאַל־דעמאָקראַטישן אויפבוי. די מיניסטאָרן זיינען אפילו געווען אומאָפּהענגיק פון פּאַרלאַמענט און דער מאָנארך אלס קייזער איז געבליבן דער דעה־זאָגער. אָבער דאָס פאָלק האָט געקראָגן אַ שטאַרקן און מעכטיקן פאָרום.

און דאָס צווייטע איז געווען אפשר ניט ווייניקער וויכטיק. אין דעם זעלביקן יאָר ווען אין ענגלאנד איז ארויס דאָס ערשטע גרויסע סאָציאַלע געזעץ, האָט ביסמארק באַשלאָסן אָפּצושוואַכן דעם וואַקסנדיקן דייטשן סאָ־ציאַליזם און האָט אין אָקטאָבער 1878 דורכגעפירט דורכן רייכסטאַג דעם אַנטי־סאָציאַליסטן געזעץ. און א פּאָר יאָר שפּעטער אין 1883 האָט ער דורכגעפירט דעם קראַנקהייטס־פאַרזיכערונגס־געזעץ און אין 1884 און 1885

די פאַרזיכערונגס (אינשורענס) געזעצן קעגן אומגליקס־פאַלן און אלטקייט. אין 1884 האָט ער פּייערלאַך דערקלערט אין דעם רייכסטאַג: „איז עס דער חוב פון א מלוכה צו זאָרגן פאר אירע הילפלאָזע בירגער אדער ניט? איך האַלט, אז דאָס איז איר חוב, און דערביי ניט נאָר פון א קריסטלאַכער... נאָר פון איטלאַכער מלוכה״.

ביסמארק האָט געוואָלט דערמיט פארלויפן דעם וועג דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, וועמעס וואוקס ער האָט געקענט זען באשיינ־פּערלאך. וואָס פאר א כוונה ער זאָל ניט האָבן געהאט, איז אבער קלאָר, אז ער האָט מיט זיינע סאָציאַלע געזעצן וויט אריבערגעיאָגט פראנקרייך, וועלכע האָט מיט א פאַרשפּעטיקונג פון איבער 60 יאָר, ערשט אונטער דעם סאָציאַליסטישן קאַבינעט פון ל. בלום, געוואָגט דורכצופירן אַזאַ ברייטע געזעצגעבונג. די דאָזיקע סאָציאַלע רעפאָרמעס האָבן ניט אָפּגעשטעלט דעם אויפבלי פון דער געווערקשאפטן־באַוועגונג און פון דער פּאָליטישער טעטיקייט פון דער דייטשער ארבעטערשאפט. אָבער די דאָזיקע פאָרמעלע און עקאָנאָמישע, פּאָליטישע און סאָציאַלע דערגרייכונגען האָבן שטאַרק געמעסיקט און אָפּגעטעמפּט די שארפקייט פונם קלאסנקאמף. דער אייגנ־טום־לאָזער פּראָלעטאַריער האָט דערזען, אַז די רעכטלאָזע מלוכה, — וועלכע איז נאָר געווען א לעבעדיקער שטיק פון דער דעמאָקראַטיע, — גיט אָפּ א גרויסן טייל פון דעם נאַציאָנאַלן אייגנטום און א טייל פון דעם פּריוואַטן אייגנטום פון די באַזיצלאָזע קלאַסן פאר דער פאַרבעסערונג פון דער לאַגע און פאר דער פארניכטונג פון דעם עלנט פון דעם אָרעמען האָרע־פּאַשניק און קאָנסומער (געברויכער). א סך שפּעטער האָט זיך אויך פראנ־קרייך גענומען צו א ברייטער סאָציאַלער געזעצגעבונג.

הגם א לעגאַלע פּראָפעסיאָנעלע ארבעטער־באַוועגונג איז שוין געווען אין די 60ער יאָרן פון פאַריקן יאָרהונדערט זיינען אָבער אין 1892 און 1893 ארויסגעגעבן געוואָרן די ערשטע געזעצן, וואָס האָבן רעגולירט פרויען־ארבעט, פאַרבאָטן דאָס ארבעטן פון קינדער אונטער 13 יאָר, אוועקגע־שטעלט אלס א מאַקסימום א 10־שעהדיקן ארבעטס־טאָג און איינגעשטעלט א שטענדיקע פאַבריק־אינספּעקציע צו זאָרגן פארן געזונט און טעכנישער זיכערקייט אין די פאַבריקן. אָבער דער ערשטער געזעץ פאר עלטער־פּענסיעס פאר לוין־ארבעטער איז ארויס ערשט אין 1911. דער דאָ־זיקער געזעץ איז ניט חל געווען אויף אייזנבאַן, קוילנגרובן אר־בעטער און מאַטראָזן. דער דאָזיקער געזעץ איז ערשט אריין אין קראַפט קורץ פאר דער וועלט־מלחמה און א ניט־פולע פאַרווירקליכונג פון סאָציאַלער געזעצגעבונג האָט ערשט געקענט דורכגעפירט ווערן אין פראנקרייך אין 1936־1937 אונטער דעם סאָציאַליסטישן פּרעמיער בלום. דערביי האָט בלום געהאט א שטאַרקערע בירגערלאַכע אָפּאָזיציע איידער

ביסמאַרק האָט געהאט זיבעציק יאָר פריער ביי דער דורכפירונג פון ענלאכע געזעצן אין דייטשלאַנד. ווייזט אויס, אז אין דער פּאָליטיק איז וויכטיק ניט נאָר ו ו אָ ס עס ווערט דורכגעפירט אין א געזעץ, נאָר אויך ו ו ע ר און ו ו ע ן מ׳טוט עס.

וואָס וויטער עס איז געגאַנגען די אַנטוויקלונג פון דער דעמאָקראַטיע אלס ווייניקער אמת איז געוואָרן דער טעזיס פון מארקסן אין דעם „קאָמו־ניסטישן מאַניפעסט״ (1849), אז דער „ארבעטער האָט גאָרניט צו פארלירן אחוץ זיינע קייטן״. די גאנצע אַנטוויקלונג פון דעם 19טן יאָרהונדערט האָט געוויזן, אז אויך א צווייטער טעזיס פון דעם קאָמוניסטישן מאַניפעסט איז ניט גערעכט. דער טעזיס וואָס לויטעט אז: „די אויספיר־מאכט (די עקזעקו־טיווע) פון דער מאָדערנער מלוכה איז ניט מער ווי א קאָמיטעט צו פירן די אלגעמיינע געשעפטן פון דער בורזשואזיע״.

ביידע טעזיסן האָבן געהאט א זין אין דער ערשטער העלפט פונם 19טן יאָרהונדערט ביז לערך די 60ער און 70ער יאָרן, — בעת אין אלע פירענדיקע מאָדערנע שטאַטן האָט ניט עקזיסטירט קיין שום סאָציאַלע גע־זעצגעבונג, בשעת דער איינצעלנער ארבעטער איז געשטאַנען א מאכטלאָזער פאַר דעם פּריוואַטן רצון פון דעם קאַפּיטאַליסט, וועלכער האָט אויף אים גע־קענט ארויפלייגן כלערליי תנאים פון ארבעט און עקספּלואַטירן פריי זיין אר־בעטס־קראַפט. היינט פארשטייט שוין יעדער באַוואוסטזיניקער מענטש, אז עס וואָלט געווען אן אומזיניקע רכילות אַנצורופן א מאָדערנע מלוכה־רעגירונג אַ געשעפטס־־קאָמיטעט פאר בורזשואזע עסקים. פון דעם פּשוטן גע־שעפטלאכן שטאנדפּונקט איז אומזיניק צו צאָלן פון דעם מלוכה־בודזשעט סובווענציעס פאר בילדונג און שולן, פאר ארבעטער־פאַרזיכערונג, פאר ארבעטסלאָזן־שטיצע, פאר סאָציאַלער געזעצגעבונג א. א. וו.

סאָציאַלע רעפאָרמעס קעגן די אינטערעסן פון בורזשואזיע

אין דעם לעצטן יאָרהונדערט און באַזונדערס אין דער נאָך־מלחמה צייט פון 1919־1939 האָבן מיר געזען אן אויסערגעוויינלאכן אויפבלי פון סאָ־ציאַלער געזעצגעבונג. די דעמאָקראַטיעס האָבן שוין לאנג אויפגעהערט צו זיין פאָרמעלע גלייכבאַרעכטיקונגס־אינסטיטוציעס, וואָס האָבן ניט קיין שייכות צום עקאָנאָמישן לעבן.

אויב די טענה איז געווען גערעכט צו דער אלטער פּאָליציייאיש־דעספּאָ־טישער מלוכה, האָט זי היינט, בנוגע צו דער מאָדערנער דעמאָקראַטיע

קיין שום באַרעכטיקונג ניט. די אַלטע פּרייסישע אָדער רוסישע מאָנאַרכיע איז טאַקע געווען אין אַ גרויסער מאָס אַ „נאַכט־וועכטער״, ווי פֿערדינאַנד לאַסאַל האָט איר אָנגערופֿן, אָבער די מאָדערנע מלוכה איז געוואָרן אַליין פֿון אַ שומר אַ ווירטשאַפֿטלאַכער אונטערנעמער, וואָס ווירקט לויט די פּרינציפּן פֿון אַ פּלאַנירטער ווירטשאַפֿט.

די אייראָפּייאישע דעמאָקראַטיע האָט צוערשט אָפּגעשאַפֿט די באַרבאַרישע „סוועטינג־סיסטעם״ (די שוויץ־אַרבעט) אין דער אינדוסטריע. זי האָט קעגן דעם ווילן פֿון די צעבאַלעוועטע באַלעבאַטים און פֿאַבריקאַנטן, איינגעפֿירט די אינספּעקציע איבער פֿאַבריק־ און היים־אַרבעט. ווייטער קעגן די אינטערעסן פֿון דער גרויס־בורזשואַזיע און דעם קליינבירגערלאַכן קרעמער און הענדלער האָט די מאָדערנע מלוכה איינגעפֿירט מאָנאָפּאָליעס: אויף טאַבאַק, אויף שוועבעלאַך, אויף צוקער, אויף טיי, אויף זאַלץ און אַנדערע מאַסן־אַרטיקלען, וואָס דאָס האָט אומגעווייניטלאַך פֿאַרביליקט די פּראָדוקטן פֿון דעם מאַסן־פֿאַרברויך. מיר ריידן שוין דאָ ניט וועגן די מאָנאָפּאָליעס אויף דער פֿאַרקערס־טעכניק און „פּובליק־יוטיליטיס״, כל מיני עפֿנטלאַכע נוצלאַכקייטן. למשל, מאָנאָפּאָליעס אויף אייזנבאַנען, עלעקטרישע טראַמוויען, אויטאָבוסן, עלעקטרישע באַלייכטונג און באַהייצונג, וואַסער־ און גאַז־פֿאַרזאָרגונג א. אַ. וו. אויב דעמאָקראַטישע רעגירונגען וואָלטן געווען פּשוטע בורזשואַזע געשעפֿטס־קאָמיטעטן, וואָלטן זיי געזוכט זיך אָפּצוטרייסלען פֿון אַרויפֿלייגן אַזעלכע לאַסטן אויף דער בורזשואַזיע. די אַלע רעגולאַציעס האָבן אונטערגעאָרדנט די פֿאַרדינסט־ און ריווח־יאָגעניש פֿון די באַזיצנדיקע לטובֿת דעם אַלגעמיינעם וואוילטאָג און נוצן פֿון די מאַסן און די געברויכער.

די דעמאָקראַטיע מיט איר פּרינציפּ פֿון גלייכהייט האָט מעגלאַך געמאַכט, אַז אַפֿילו אין דעם עקאָנאָמישן סדר פֿון קאַפּיטאַליזם און פּריוואַטן אייגנטום איז מעגלאַך געוואָרן אַ בהדרגהדיקע, לאַנגזאַמע און פֿרידלאַכע דורכדרינגונג פֿון סאָציאַלן יושר און גלייכהייט. דער גייסט פֿון דעם עגאָאיזם און פּערזענלאַכער באַרייכערונג איז געהאַמעוועט געוואָרן. עס וואָלט גענומען צופֿיל פּלאַץ צו ברענגען דאָ אַלע גענויע ציפֿערן, אויף וויפֿיל די דעמאָקראַטיע האָט אויסגעבעסערט די עקאָנאָמישע לאַגע פֿון די פֿאָלקס־מאַסן.

עס איז אָבער גענוג צו אונטערשטרייכן, אַז שוין פֿאַר דער ערשטער וועלט מלחמה איז די פּראָגרעסיווע וועלט געקומען צו דעם דאַזיקן באַשלוס. אין דער אמתן קען דאָ פֿעסטגעשטעלט ווערן, אַז ביי דעם צוזאַמענשטעל פֿון דעם ערשטן דייטשן סאָציאַליסטישן פּראָגראַם זיינען זיינע מחברים געווען זייער ווייטזיכטיק. ניט קוקנדיק אויף דער קעגנערשאַפֿט פֿון פֿרידריך ענגעלס, האָבן זיי אָנגערופֿן די פּאַרטיי אַלס אַ סאָציאַל דעמאָקראַטישע.

ענגעלס האָט געקעמפט קעגן דעם און האָט געלייקנט, אז אין די ראַמען פון קאַפּיטאַליזם, אין וועלכן דער קלאַסן־קאַמף איז דער הויפּט־פאַקטאָר פון דער געזעלשאַפט, קען געשאַפן ווערן א פלאַטפאָרם אין וועלכער דאָס פאָלק קען צוגלייך בלייבן אין דער דעמאָקראַטיע און זיך דערשלאָגן צו וויכטיקע סאָציאַלע דערגרייכונגען.

אָבער די דערגרייכונגען פון דער דעמאָקראַטיע ניט נאָר אין ענגלאַנד, פראַנקרייך און דייטשלאַנד, נאָר אויך אין אַנדערע קלענערע לענדער פון מערב און צענטראַל־אייראָפּע, האָבן איבערגעאַנדערשט דעם אָרטאָדאָקסאַלן מאַרקסיזם און האָבן געבראַכט צו נייע רעפאָרמיסטישע און רעוויזיאָניסטישע טעאָריעס פונם מעסיקן סאָציאַליזם, וועלכער האָט אָנגעהויבן צו גלויבן אין א פשרותדיקן און פרידלאַכן „אַריינוואַקסן" פונם סאָציאַליזם אין דעם קאַ־פּיטאַליזם (די טעאָריע פון עד. בערנשטיין).

און עס בלייבט א פאַקט, וואָס די גרעסטע קעגנער פון דער דעמאָ־קראַטיע קענען ניט לייקענען, אז די „אייגענטימער פון די פּראָדוקציע־מיט־לען" זיינען א דאַנק דער עקזיסטענץ פון דער דעמאָקראַטיע און דער אוי־בערמאַכט פון רעכט און געזעץ ניט אריין אין א אָפענעם בלוטיקן קלאַסן־קאַמף מיט די פּראָלעטאַרישע מאַסן פון שטאָט און דאָרף. זיי זיינען געגאַנ־גען אויף פשרות, זיי האָבן געמינערט דעם מער־ווערט, זיי האָבן באַשרענקט די עקספּלואַטאַציע, זיי האָבן אויף זיך גענומען א באַשטייערונג, וועלכע האָט שטאַרק אויסגעגליכן די אומגלייכקייט אין דער לאַגע פון קלאַסן און שיכטן.

מיר האָבן אויבן געזען, אז די עקאָנאָמישע דערגרייכונגען פון דער דעמאָקראַטיע האָבן אָפּגעשוואַכט דעם רעוואָלוציאָנערן רצון פון דעם אַרבע־טער־קלאַס, אָבער צוגלייך האָט אויך די דעמאָקראַטיע געמעסיקט און געהאַמעוועט דעם קאַפּיטאַליסטן־קלאַס, אלס דעם צד שכנגד. די „הויטשינ־דערישע" גרויס־קאַפּיטאַליסטישע עלעמענטן און זייערע „אַפּעטיטן" זיינען געהאַמעוועט געוואָרן. יענע עלעמענטן, וועלכע האָבן צענדליקער יאָרן פונם 19טן יאָרהונדערט טאָרמאָזירט יעדן אויסגלייך מיט די אַרבעטער, באַטראַכטנדיק דאָס אלס שוואַכקייט, זיינען געוואָרן אַלץ שוואַכער און נאָכ־געביקער, ווייל נאָר אונטער דער דעמאָקראַטיע און אונטער די תנאים פון אַלגעמיינעם וואַל־רעכט האָבן זיי ערשט ריכטיק דערשפּירט, אז זיי געפינען זיך פנים אל פנים קעגן א קאָלעקטיוון ווילן פון הונדערטער טויזנ־טער און מיליאָנען.

די נייע דעמאָקראַטישע מלוכה אלס פאַרזאָרגער — די קאָלעקטיווע קאָנטראַקטן

דער פאַקט אליין, וואָס אין די לייטנדע פאַרלאַמענטן און מוניציפּאַליטעטן זיינען סאָציאַליסטן געווען פארטראָטן אלס די שטאַרקסטע און צאָלרייכסטע פאַרטייען, האָט געצוואונגען די הערשנדע און באַזיצנדע קלאַסן צו געבן הנחות די אַרבעטער. די פאָרמעלע רעכט פון דער דעמאָקראַטיע — דאָס וואַל־רעכט אין פאַרלאַמענט און מוניציפּאַליטעט, די פרייע פּרעסע און פאַר־זאַמלונגען — *האָבן אומדירעקט געפירט צו דעם, אַז די מלוכה זאָל אָנהויבן זאָרגן פאַר די סאָציאַלע נויטן פונם פאָלק* און האָבן געהאָלפן אָנפילן די פאָרמעלע גלייכהייטס־ און פרייהייטס־ראַמען מיט עקאָנאָמישן און סאָ־ציאַלן אינהאַלט *פון אַ מער יושרדיקן פאַרטיילן פון גיטער און פאַרמעגן*.

גלייכצייטיק האָט אויך די דעמאָקראַטיע בהדרגהדיק פאַרווישט די שאַרפע גרעניצן צווישן די איינצעלנע קלאַסן. די עקאָנאָמישע און צוגלייך די פּאָליטיש־דעמאָקראַטישע אַנטוויקלונג האָט געפירט דערצו, אַז גרויסע טיילן פון אַרבעטער־קלאַס זיינען געוואָרן אייגנטימער. מיט דעם וואַקסן פון דעם אייגנטום און וואוילשטאַנד, באַזונדערס אונטער דער אָרגאַניזירטער אַרבעטערשאַפט, האָט זיך געביטן די פּסיכאָלאָגיע פון די אַרבעטער.*) די קאָאָפּעראַטיוון, טרייד־יוניאָנס, סינדיקאַטן, געווערקשאַפטן זיינען געגרינדעט געוואָרן אלס אינסטרומענטן פון קלאַסן־קאַמף און האָבן אין דער אמתן געהאָלפן דעם באַזיצליכן אַרבעטער דורכגעדרונגען צו ווערן מיט א געוויסער צופרי־דענער „בורזשואַזער" פּסיכאָלאָגיע. „לינקע" רעוואָלוציע־שטופּער האָבן דאָס באַדויערט און אפילו פאַרשאָלטן, „רעכטע" רעפאָרמיסטן האָבן דאָס געלויבט און געבענשט — אבער דעם פאַקט גופא האָט קיינער ניט געקענט לייקענען.

די דעמאָקראַטיע פון 19טן יאָרהונדערט, וועלכע איז אליין געבאָרן געוואָרן פון דער רעוואָלוציע, האָט אָבער זייט די 70ער יאָרן געפירט צו א פרידלאַכער עוואָלוציאָנערער לייזונג פון אירע גרונט־פּראָבלעמען. צו דעם ווערט געגעבן די דערקלערונג, אַז דער קאַפּיטאַליזם האָט אַזוי אויפגעבליט אין אייראָפּע אין דעם לעצטן דריטל פון 19טן יאָרהונדערט און ביז צום אָנהויב פון דער וועלט־מלחמה אין 1914, אַז אין דער דאָזיקער צייט האָבן זיך די קאַפּיטאַליסטישע מלוכות מיט א גרויסער נאַציאָנאַלער הכנסה געקענט

---

*) פאַרגלייך H. I. LASKI, The State in Theory and Practice, London, 1934, p. 284.

דערלויבן דעם לוקסוס פאַרגרעסערן דעם אַרבעטס־לוין, פאַרקירצן די אַר־בעטס־צייט און איינפירן סאָציאַלע אַרבעטס־פאַרזיכערונג.

דאָס איז די דערקלערונג. דער פאַקט אָבער בלייבט, אַז צו דעם סוף פון דער תקופה האָט די דעמאָקראַטיע ניט נאָר געגעבן פּאָליטישע רעכט צו מיליאָנען רעכטלאָזע, נאָר זי האָט אויך אויפגעהויבן דעם סאָציאַלן וואוילשטאַנד פון מילאָנען מענטשן אויף אַ נאָך ניט געהערטער הויך.

צום אָנהויב פון דער וועלט־מלחמה זיינען אין אַלע מערב־אייראָפּייאישע לענדער (אַחוץ אַ פּאָר אויסנאַמען, ווי דאָס אַגראַר־פעאָדאַלע שפּאַניע, אָדער אונגאַרן א. אַ. וו.) געווען שטאַרקע מעכטיקע אַרבעטער־פּאַרטייען, גוט־אָרגאַניזירטע און פאַרמעגלעכע געווערקשאַפטן און קאָאָפּעראַטיוון מיט מיליאָנען און הונדערטער טויזנטער פון אָרגאַניזירטע אַרבעטער. די־דאָזיקע אַרבעטער (אַחוץ אפשר די נידעריקסטע אומקוואַליפיצירטע לאַסט־און ערד־אַרבעטער) זיינען געווען פאַרמעגלאַך, האָבן געהאַט אייגנטום. אין זייער פּסיכאָלאָגיע זיינען זיי געווען פאַרבונדן מיט דער עקזיסטירנדיקער מלוכה און אָרדנונג. אַ סך פון זיי האָבן זיך דעריבער געפילט פּאַטריאָטיש. און אויב זיי האָבן געהאַלטן, אַז זייער פאָטערלאַנד איז אין אַ סכנה, זיינען זיי געווען גרייט זיך מקריב צו זן פאַר זייער פאָטערלאַנד.

דאָס איז געווען די גרונד סיבה פאַרוואָס די אַמאָליקע פאָרשלאַגן פונם בריסעלער אינטערנאַציאָנאַל צו ענטפערן מיט אַ גענעראַל־סטרייק אויף דער דערקלערונג פון אַן אייראָפּייאישער מלחמה, האָט זיך אויסגעלאָזן מיט גאָרנישט.

אויב עס זיינען געווען געזעלשאַפטלאַכע שיכטן, וועלכע זיינען געבליבן ניט פאַרזאָרגט אין זייער עקזיסטענץ אין דער דעמאָקראַטיע פון 19טן יאָר־הונדערט, טאָ זיינען דאָס געווען די צווישן־גרופּן, וואָס ליגן צווישן דער בורזשואזיע און דעם אינדוסטריעלן פּראָלעטאַריאַט, — דאָס איז געווען: 1) דער שטאָטישער קליין־בירגערטום, פאַר וועמעס קיום און וואוילטאָג ס'האָבן ניט געזאָרגט קיינע פּראָפעסיאָנעלע פאַרבאַנדן אָדער סינדיקאַטן און 2) דאָס וויניקער באַמיטלטע קלענערע פּויערטום און לאַנדלאָזע דאָרף־פּראָלעטאַריער, וועלכע זיינען געלאָזן געוואָרן צו דער אומברחמנותדיקער עקספּלואַטאַציע פון די תבואה און פּי־הענדלער און די לאַנד־מאַגנאַטן.

לויט דעם אָרטאָדאָקסאַלן מאַרקסיזם שטייען די צווישן־שיכטן ה ע כ ע ר פאַרן אַרבעטער־קלאַס אין דער סאָציאַלער פּיראַמידע, ווייל זיי זיינען דאָך לויט זייער באַזיץ און פּסיכאָלאָגיע נ ע ע נ ט ע ר צו דער בורזשואזיע. דאָס איז געווען אין דער טעאָריע, וועלכע האָט אַנטשפּראָכן דער ווירקלאַכקייט אין די 40ער אָדער 50ער יאָרן פונם 19טן יאָרהונדערט.

אבער עטלאכע צענדליק יאָר פון אָרגאַניזירטן לעגאַלן ארבעטער־קאַמף, מיט דעם אינסטרומענט פון לעגאַלע שטרייקן און שטארקע ארבעטער־קאַסעס, האָט געבראַכט דערצו, אז די ארבעטער האָבן אויך געענדערט זייער לאַגע אין דער סאָציאַלער פּיראַמידע, זיי האָבן געהאַט א בעסערע און זיכערערע חיונה פון דעם קליינבירגער און פּויער, זיי זיינען געוואָרן ה ע כ ע ר פאר דעם פּויער און קליינעם קרעמערל, זיי האָבן זיך אין זייער קאָנסערוואַטיווער איינשטעלונג ד ע ר נ ע ע נ ט ע ר ט צו דער בורזשואַזיע.

און נאָך א קאָלאָסאַל וויכטיקע דערגרייכונג פאר די ארבעטער.

צוזאַמען מיט דער אנטוויקלונג פון דער סאָציאַלער געזעצגעבונג זיינען בהדרגה די ארבעטער ארויסגענומען געוואָרן פון די געוויינטלאכע תנאים פון פּריוואַטע קאָנטראַקטן. דער אַרבעטס־אָפּמאַך איז דערקלערט געוואָרן פאר א באַזונדערן „לייבאָר קאָנטראַקט״, וועלכער איז ניט געגליכן צו א געוויינטלאכן קאָנטראַקט פון ציוויל־רעכט. די ארבעט פונם ארבעטער הערט אויף צו זיין א געוויינטלאכע סחורה, וואָס יעדער יחיד קען פארקויפן פאָר דעם פּרייז, וואָס אים ווילט זיך. די ארבעט פון דעם ארבעטער איז ניט, אזוי צו זאָגן, אין זיין אייגענעם רשות. ער קען ניט אריינגיין אין א פּריוואַטן אָפּמאך מיט דעם פאַבריקאַנט אויף די תנאים, וועלכע אים ווילט זיך אדער אויף וועלכע ער גיט זיין פערזענלאכן הסכם. זיין ארבעט קען פארקויפט ווערן נאָר אונטער די תנאים, וועלכע ווערן איינגעשטעלט פון דעם אנט־שפּרעכנדיקן פּראָפעסיאָנעלן ארבעטער־פאַרבאַנד. דער פאַרבאַנד שטעלט זיך אין פארבינדונג מיט דער פאַבריקאַנטן־אסאָציאַציע פון א געוויסן אינ־דוסטריעלן צווייג און דער הסכם פון ביידע צדדים ווערט פאָרמולירט גענוי לויט פּונקטן פון אן אזוי־גערופענעם „קאָלעקטיוון קאָנטראַקט״ אָדער „טאַריף־אָפּמאַך״. דעם איינצעלנעם ארבעטערס רצון אָדער הסכם שפּילט ניט קיין שום ראָליע, ער קען אריינטרעטן אין פאַבריק און ארבעטן נאָר אונטער די תנאים פונם קאָלעקטיוון קאָנטראַקט. נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט דער דאָזיגער „לייבאָר־קאָנטראַקט״ פארנומען דעם אויבן־אָן פון דער גאַנ־צער אינדוסטריע אין דער פּראָגרעסיווער אייראָפּע און אמעריקע.

אזוי ארום האָט די דעמאָקראַטיע ארויסגעהויבן דעם לוין־אָפּמאַך פון דעם ציוויל־רעכט, די דעמאָקראַטיע האָט שוין אין דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג געשאַפן א זייער וויכטיקן אינזל פון סאָציאַלע רעכט אין א קלאָרן קעגנזאַץ צום געוויינטלאכן בירגערלאכן פּריוואַט־רעכט. אָבער דער קליינ־בירגער און קרעמער, דער פּויער און בעל־מלאכה זיינען אין זייער פּראַצע ניט גאַראַנטירט דורך קיין קאָלעקטיוון קאָנטראַקט. זיי זיינען אויך אין דעם זין סאָציאַל געמינערט אין זייערע רעכטן אין פאַרגלייך מיט די ארבעטער.

קאפיטל III

דעמאָקראַטיע אין אונזער תקופה 1918־1939

דער חורבן פון פיר אימפעריעס

די תקופה פון די קורצע צוואַנציק יאָר 1918־1939 איז איינע פון די אינטערעסאַנטסטע עפּאָכעס פון דער געשיכטע. זי איז אָנגעפּיקעוועט מיט די גרעסטע פּראָבלעמען אָבער אויך מיט די סאַמע אומדערוואַרטעסטע לייזונגען און רעאַליזירונגען פון אלטע אידעאלען. מען מוז פארשטיין די אומגעווייינטלאכע סביבה פון דער לעצטער תקופה פון דער נאָך־מלחמה־דיקער דעמאָקראַטיע.

אין דער דאָזיקער תקופה איז די פּאָליטישע פרייהייט און די סאָציאַלע געזעצגעבונג פאַרשטאַרקט און פאַרברייטערט געוואָרן אין די אַלטע דעמאָקראַטיעס, אין וועלכע די מאָנאַרכן און זייערע מיניסטאָרן זיינען גע־ווען די אַליין־הערשער. אין מערב האָט מען זיך געפילט ליבעראַלער, אין מזרח־אייראָפּע — באַרבאַרישער, אָבער איבעראַל, אין אַלע דריי אימפּע־ריעס: אין רוסלאַנד, אין דייטשלאַנד און אין עסטרייך־אונגאַרן איז די מאַכט געלעגן אין די הענט פון די „אויבערשטע צען טויזנט", און דאָס פאָלק איז געווען מחויב צו שווייגן.

דער חורבן פון די דריי וועלט־מאָנאַרכיעס האָט זיך אָנגעהויבן מיט רוסלאַנד, וועלכע איז צוזאַמענגעבראָכן אין דער פעברואַר־רעוואָלוציע פון 1917. די רעוואָלוציע איז געווען אַ ריין־דעמאָקראַטישע. זי האָט זיך ניט גע־שטעלט קיין סאָציאַליסטישע אויפגאַבן. די אָנפירנדיקע כוחות פון דער פעברואַר־רעוואָלוציע — די ראַדיקאַלע שטאָטישע און פּויערשטע דעמאָ־קראַטישע עלעמענטן, זיינען געווען פאַר ברייטע רעפאָרמעס, באַזונדערס פאַר אָוועקנעמען דעם באָדן ביי די פּריצים. אָבער זיי האָבן געהאַלטן, אַז רוס־לאַנד מיט אירע 3½ פּראָצענט אַרבעטער, מיט אירע איבער 80% פּויערים און מיט איר אָפּגעשטאַנענער קולטור און טעכניק איז ניט מסוגל איינ־צופירן אַ מאָדערנעם סאָציאַליזם. אפילו לענין גופא, קומענדיק פון אויס־לאַנד אין אַפּריל 1917, האָט דערקלערט, אַז די אויפגאַבע פון די באָלשעוויקעס איז אַ ריין דעמאָקראַטישע, און אַז דאָס וויכטיקסטע איז דאָס

באלדיקע צונויפרופן פון דער אלרוסישער גרינדונגס־פארזאמלונג, אויס־געוויילט אויף שטרענג־דעמאקראטישע יסודות. די באלשעוויקעס האבן געהאלטן, אז די רעכטע גרופירונגען, די סאציאל־דעמאקראטן (מענשע־וויקעס) און סאציאליסטן־רעוואלוציאנערן, פארשלעפן די רעאליזאציע פון דער גרינדונגס־פארזאמלונג, און אז נאר זיי, די באלשעוויקעס, זיינען די אמתע דורכפירער פון דער דעמאקראטיע. געענדיקט האט זיך דערמיט, אז נאך עטלאכע חדשים, קעגן דעם ווילן פון אייניקע מיטגלידער פון דעם באלשעוויסטישן צענטראל־קאמיטעט, האט לענין סוף אקטאבער 1917 דער־קלערט א סאציאליסטישע רעוואלוציע, האט פארכאפט די מאכט פון דער דעמאקראטיע אין נאמען פון סאלדאטן און ארבעטער־ראטן, און האט צו ערשט פאנאנדערגעיאגט די נאר־וואס דערוויילטע ערשטע דעמאקראטישע גרינדונגס־פארזאמלונג אין רוסלאנד, — דעם 5טן יאנואר 1918 — און האט דערקלערט, אז די קאמוניסטישע פארטיי שטעלט זיך אלס אויפגאבע איינצופירן דעם סאציאליזם אין דער גארער וועלט.

דאס אומדערווארטעטע און טשיקאווע באשטייט אין דעם, וואס לענין גופא האט אין סוף פון די 90ער יארן דערקלערט, אז עס איז אן אוטאפיע און אומזין צו מיינען, אז רוסלאנד איז גרייט צום סאציאליזם. אלס מארק־סיסט און קעגנער פון די אידעאליסטישע רוסישע פאלקסטימלאכע רעווא־לוציאנערן („נאראדאוואלצעס״) האט ער אין א ספעציעלער עקאנאמישער שריפט באוויזן, אז רוסלאנד דארף דורכמאכן א תקופה פון קאפיטאליזם, פונקט ווי די אייראפייאישע מלוכות און... מיט עטלאכע און צוואנציק יאר שפעטער איז ער געווארן דער פירער, דער טעארעטיקער און מלוכה־מאן, וואס פירט די דאזיקע אוטאפיע אליין אויס מיט זיינע אייגענע הענט.

די סאציאלע רעוואלוציע איז ניט דורכגעפירט געווארן אויך צוליב אן אומדערווארטעטער דערשיינונג. דייטשלאנד, וועלכע איז צוזאמענגעבראכן אין דעם קריג מיט די מערבדיקע לענדער אין נאוועמבער 1918, איז ניט צו־געשטאנען צו דער באלשעוויסטישער ראטן־רעוואלוציע. און דאס ניט קוקנדיק אויף העכער 80 יאר פון אן ארבעטער־באוועגונג אין דייטשלאנד, ניט קוקנדיק אויף א שטארקער סאציאל־דעמאקראטיע און אויף א לינקן „ספארטאק״־פליגל. דא איז ניט דער ארט צו אנאליזירן, פארוואס דייטש־לאנד איז ניט געגאנגען אויפן רוסישן וועג. גענוג איז צו קאנסטאטירן, אז דייטשלאנד איז, נאך א קורצער איבערגאנגס־עפאכע, אין וועלכער עס איז פארגעקומען א שווערער קאמף צווישן די עקסטרעם־לינקע און דעם רע־אקציאנערן פריצישן און קליין־בירגערלאכן פליגל, געווארן א דעמאקרא־טיע, איר מלוכה־סדר איז באשטימט געווארן דורך דער ווייםארער דעמא־קראטישער קאנסטיטוציע פון 1919.

דער דריטער גיגאַנט — די עסטרייך־אונגאַרישע אימפּעריע, וועלכע האָט עקזיסטירט לאַנגע הונדערטער יאָרן, אלס דער יורש פון דער אמאָליקער אַלוועלטלאכער רוימישער אימפּעריע, איז נאָך דער מפּלה צעפאַלן אויף מלוכות, ווי למשל, טשעכאָסלאָוואקיע, דייטש־עסטרייך, יוגאָסלאוויע, פּוילן (א טייל), אונגארן און טיילווייז זיינען אירע שטחים אָפּגעגעבן געוואָרן, כדי צו פאַרגרעסערן זיגרייכע מלוכות, ווי איטאליע און רומעניע. אויף דער פריערדיקער טעריטאָריע פונם עסטרייכער קייזערטום זיינען אנט־שטאַנען נייע דעמאָקראַטיעס. פון די דאָזיקע מלוכות זיינען ס׳רוב געווען דעמאָקראטיעס, וועמעס דעמאָקראטישקייט ס׳איז נאָר באשטאנען אין זייער תורה שבכתב, ד. ה. אין דער קאָנסטיטוציע, אבער וואו דאָס מלוכה־לעבן איז געבליבן ווייט פון אמתער פאָלקס־מאכט און ליבעראלער טאָלעראַנץ און פרייהייט. ניט פּוילן, ניט אונגארן און אפילו ניט יוגאָסלאוויע זיינען געוואָרן קאָנסעקווענט־דעמאָקראַטישע לענדער. נאָר דייטש־עסטרייך מיט איר גרויסן „וואַסער־קאָפּ״, די שטאָט ווין און טשעכאָסלאָוואקיע האָבן טיילגענומען אין דעם קאַמף פאַרן אויסבוי פון די פּאָליטישע און סאָציאַלע רעפאָרמעס אין דעם פּראָגרעסיוו־דעמאָקראַטישן גייסט. אבער סלאָוואקיע — דער קאַטוילישער און אַגראַר־אָפּגעשטאַנענער טייל פון טשע־כאָסלאָוואקיע — איז געבליבן אַנטי־דעמאָקראַטיש.

צווישן אַלע מערב־אייראָפּעישע לענדער האָבן נאָר צוויי זוכה געווען צו א קורצלעבנדיקן ראַטן־רעזשים מיט א קאָמוניסטישער דיקטאַטור. דאָס זיינען ווידעראַמאָל געווען די צוויי סאַמע אָפּגעשטאַנענסטע פעאָדאַל־רעאַק־ציאָנערע שטאַטן מיט אַ פּויערשן רוב — בייערן און אונגארן. בייערן אונטער קורט אייזנער און אונגארן אונטער בעלא קוהן, — זיינען געווען טראַגיש ענלאך צו רוסלאנד. א שטארקע פעאָדאלע אריסטאָקראַטיע האָט אין ביידע לענדער געהערשט איבער די ברייטע שיכטן פון פּויערים זינט הונ־דערטער יאָרן. ביז צו דער וועלט־מלחמה 1914־1918 איז אין זיי דער ארבעטער־קלאַס און די שטאָטישע ראַדיקאַלע אינטעליגענץ געווען זייער שוואַך. — אבער דוקא צוליב דער שוואַכער פּאָליטישער קולטור אין די דאָזיקע ביידע קאַטוילישע־פּויערשע לענדער — און א דאנק דער מידקייט פון דער מלחמה און דער פאַרצווייפלונג פון דער נאָך־מלחמה־נויט, האָט זיך איינגעגעבן א קליינע איניציאַטיוו־גרופּע ארויסצורייסן די מאַכט פון די שוואַכע הענט פון די אונגארישע ליבעראלן און דעמאָקראַטן אונטער דער פירונג פון דעם גראַף אַנדראַשי. כמעט אַן ווידערשטאַנד האָט בעלא קוהן געזיגט אויף עטלאכע חדשים. ענלאך איז געווען די לאַגע אין בייערן. פון אַלע דייטשע לענדער איז בייערן געווען אַמווייניקסטן אינדוסטריאַליזירט. צווישן דער פעאָדאַלער הערשנדער שיכט פון איין זייט און די שטאָטיש־ראַדיקאַלע ארבעטער פון דער אנדערער זייט איז ניט געווען קיין שום

מעגלאַכקייט צו געפינען אַ פשרה. עטלאַכע יאָר שפּעטער איז ביירן געוואָרן דאַס ווינעלע פון אַן אַנדער דיקטאַטור, — פון דער ברוינער היטלער־דיקטאַטור.

קעגן דער נבואה פון די עקאָנאָמיסטן זיינען אַנטשטאַנען אַ גאַנצע ריי נייע מלוכות. פון די חורבות פון דעם קייזערליכן רוסלאַנד, האָבן זיך אַרויסגעטיילט: פינלאַנד, עסטלאַנד, לעטלאַנד (לאַטוויאַ) און ליטע און אַ גרויסער טייל פון דער נייער פוילן.

פון די דאָזיקע לענדער זיינען געווען אומבאַדינגט דעמאָקראַטיש — סיי אין פּאָליטישער און סיי אין סאָציאַלער הינזיכט — פינלאַנד, עסטלאַנד און לעטלאַנד. פינלאַנד האָט נאָך אונטערן צאַרישן רוסלאַנד געהאַט אַ הונדערט־יאָריקן קאָנסטיטוציאָנעלן קאַמף. איר „סיים״ — דער פּאַרלאַמענט — האָט עקזיסטירט זינט 1812. צום סוף פון 19טן יאָרהונדערט איז אין פינלאַנד געווען אַ שטאַרקע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי. פינלאַנד האָט געהאַט איבער 90 פּראָצענט לייען־פייאיקע תושבים און אַבליגאַטאָרישע פאָלקס־שולן. זי איז דעמאָלט געשטאַנען אויפן וועג צו אַגראַרע רעפאָרמען. איר אַלטע געשיכטע, וועלכע איז צונויפגעבונדן מיט דער פּראָטעסטאַנטישער שוועדן און איר אַלטן מיטלאַלטערלאַכן פּאַרלאַמענט, אין וועלכן די פּויערים זיינען אויך געווען אַ פרייער שטאַנד, האָט געמאַכט פינלאַנד פאַר אַן אינזל אין דעם ים פון רוסישער דעספּאָטיע. (צו אונזער ווייטאָג, איז אויך פינלאַנד איצט אַריבער אין לאַגער פון די שונאים פון דעמאָקראַטיע).

לעטלאַנד און עסטלאַנד האָבן ניט נאָר אין 1920 איינגעפירט ביי זיך דעמאָקראַטישע קאָנסטיטוציעס, נאָר אויך דורכגעפירט די ראַדיקאַלסטע אַגראַרע רעפאָרמעס. דער באָדן איז עקספּראָפּריאירט געוואָרן פון די פּריצים (הויפּט־זעכלאַך דייטשע באַראָנען) און איבערגעגעבן געוואָרן דעם אָרטיקן פּויערטום. די טענה פון דער ראַטן־מאַכט, בשעת זי האָט אַנעקסירט די ביידע לענדער אין זומער 1940, אַז זי טוט עס אויך צוליב דער פּאַרטיילונג פונם באָדן צווישן דעם אַרבעטנדיקן פאָלק, איז דעריבער געווען זינלאָז און אַ פּוסטער תירוץ. די לעטן און עסטן האָבן עס אַליין דורכגעפירט נאָך אין זייער דעמאָקראַטישער תקופה.

אין פינלאַנד, עסטלאַנד און לעטלאַנד האָט אויך עקזיסטירט אַ ברייט־אַנטוויקלטע זעלבסט־פאַרוואַלטונגס־נעץ אין שטאָט און דאָרף. די עלעמענטאַרע שול־בילדונג איז געווען אַן אומזיסטע. פאַר נאַציאָנאַלע מינדערהייטן זיינען געשאַפן געוואָרן באַזונדערע שולן פון דער עלעמענטאַרער ביז צו דער העכסטער מדרגה.

פאַר אַרבעטער איז געשאַפן געוואָרן אַ ברייטע סאָציאַלע געזעצגעבונג מיט אַ פאַרזיכערונגס־וועזן קעגן עלטער, קראַנקהייט און אומגליקס־פאַלן.

די פֿאַרבינדונגס־מיטלען, עלעקטרישע באַלייכטונג, וואַסער פֿאַרזאָרגונג און סאַניטאַרע דינסט איז אוועקגעשטעלט געוואָרן אויף אַ הויכן מצב.

אין די שטעט איז געשאַפֿן געוואָרן אַ ספּעציעלער געזעץ, וואָס דאַרף באַשיצן דעם שכן קעגן דער הפקרות און עקספּלואַטאַציע פֿון די באַלעבאַטים אָדער לענדלאָרס. פֿאַר דירות־סכסוכים זיינען איינגעפֿירט געוואָרן באַזונדערע געריכטן. די גרעסערע שטעט האָבן געבויט הייזער־בלאָקן מיט מאָדערנע און וואָלוועלע דירות. דער פּאָליטישער, דער סאָציאַל־עקאָנאָמישער און קולטור־טעכנישער פּראָגרעס, וואָס די דאָזיקע באַלטישע מדינות האָבן דורכגעפֿירט ביי זיך אין זייער דעמאָקראַטישער תקופה, איז געווען ניט צו פֿאַרגלייכן מיט דער פֿאַר־מלחמהדיקער צאַריסטישער ממשלה.

בנוגע צו זייערע מינדערהייטן זיינען די באַלטישע מלוכות געווען די ערלאַכסטע. זיי האָבן געשאַפֿן אַ קולטורעלע אויטאָנאָמיע פֿאַר זייערע מינדערהייטן און האָבן אויסגעהאַלטן ספּעציעלע שול־נעצן — פֿון קינדער־גאָרטן ביז הייך־סקול (גימנאַזיע) פֿאַר די דייטשע, רוסישע, אידישע און טיילווייז פּוילישע מינדערהייטן. פֿאַר אידן זיינען געווען צוויי פּאַראַלעלע שול־נעצן מיט דער העברייאישער און אידישער לערן־שפּראַך.

אין פּוילן, דאָס לאַנד, אין וועלכער ס'זיינען אריינגענומען געוואָרן מיליאָנען פֿון אידישע, אוקרייאינישע און דייטשע מינדערהייטן, איז ניט געווען קיין פֿעסטגעשטעלטע מינדערהייטן־פּאָליטיק און קיין איינהייט־לאַכער געזעץ. מיט דער דייטשער מינדערהייט האָט מען זיך געדאַרפֿט מער רעכענען, ווייל דייטשלאַנד איז געווען אַ שכן און ווייל די פּאָליאַקן האָבן אויך געלעבט אין דייטשלאַנד. אידן האָבן געהאַט צום ווייניקסטן רעכט און מינדערהייט־שוץ. אבער אזוי ווי פּוילן איז פֿונדעסטוועגן געווען אַ לאַנד מיט פּאָליטישע פֿרייהייטן, מיט אַ פֿרייער פּרעסע און פֿרייע רעכט צו בילדן געזעלשאַפֿטן און פּאָליטישע אָרגאַניזאַציעס מיט אַ גרויסער סאָציאַ־ליסטישער באַוועגונג, איז געווען די מעגלאַכקייט צו אַנטוויקלען אַ ברייטע פּאָליטישע איניציאַטיוו אויף דעם געביט פֿון דעם שווערן אידישן פּראָבלעם.

אָבער גרויסע סאָציאַלע רעפֿאָרמעס און קודם כל אַן אַגראַר־רעפֿאָרם, וואָס פּוילישע פּויערים האָבן שוין געפֿאָדערט אין 1863, ביי דעם צווייטן אויפֿ־שטאַנד, האָבן זיי ניט באַקומען און דאָס האָט איצט פֿאַרלייכטערט די ארבעט פֿאַר היטלערן אוועקצוזעצן אויף פּוסטע פּוילישע מאַיאָנטקעס דייטשע (אנשטאָט פּוילישע) פּויערים.

דעמאָקראַטיע אין ווייִמאַר־דייטשלאַנד און די פאַראייניקטע שטאַטן

פון דעם מלוכה־סדר פון אַלע לענדער אין דער נאָך־מלחמה־תקופה 1919־1939 מוז מען באַזונדערס ארויסהויבן דייטשלאַנד און אמעריקע.

עס איז קיין וואונדער ניט, וואָס די זייער דעמאָקראַטישע ווייִמארער קאָנסטיטוציע פון 1919 איז געוואָרן א מוסטער פאַר אַלע איבעריקע דע־מאָקראַטישע קאָנסטיטוציעס פון דער נייער אייראָפּע. די דאָזיקע קאָנסטי־טוציע האָט ניט נאָר גאַראַנטירט אַלע פּאָליטישע רעכט, נאָר זי האָט אויך געזאָרגט וועגן די עקאָנאָמישע אינטערעסן פון פאָלק. צוזאַמען מיט דעם ריין־פּאָליטישן רייכסטאַג, אלס פּאַרלאַמענט, איז געשאַפן געוואָרן א „רייכס־ווירטשאַפטס־ראַט", פאַרן גאַנצן רייך מיט אָרטיקע ראַטן פאַר איינ־צעלנע לענדער. דאָס רעכט אויף א באַשטימטן לעבנס־סטאַנדאַרד, און דאָס נאַטירלאכע רעכט פון עלטערן אויפצוהאָדעווען און צו בילדן זייערע קינדער זיינען פּאַרפעסטיקט געוואָרן אין דער קאָנסטיטוציע. אויך די מינדערהייטן־רעכט זיינען געזיכערט געוואָרן און דאָס דייטשע פאָלק איז דערקלערט געוואָרן פאַרן העכסטן סוּווערען פון דער מאַכט. און דאָך מוז געזאָגט ווערן, אז עס איז ניט קיין וואונדער, וואָס די ווייִמארער קאָנסטיטוציע האָט אריינגעבראַכט עקאָנאָמישן אינהאַלט אין איר פּאָליטישער קאָנסטיטוציע מחמת דייטשלאַנד האָט שוין זינט ביסמאַרקן געהאַט א תקופה פון 50 יאָר סאָציאַלע ארבעטער־געזעצן.

אַ סך א גרעסערע פרידלאכע רעוואָלוציע האָבן דורכגעמאַכט די פאַראייניקטע שטאַטן אין דער נאָך־מלחמה תקופה. אמעריקע איז אפילו נאָך דער וועלט־מלחמה געבליבן דאָס טיפּישע לאַנד פון אַנגלאָ־זאַקסישער פּריוואַט־איניציאַטיוו. די מלוכה האָט זיך ניט געטאָרט אריינמישן אין עקאָ־נאָמישע ענינים צווישן אירע בירגער. די נאָך־קריג פּראָספּעריטי ביז 1929 האָט אונטערגעהאַלטן דעם דאָזיקן קוק. אבער אונטער דער אויבערפלאַך האָט שוין לאַנג געטליעט אַן אנדער געדאַנק.

פון די גרויסע געלערנטע אויפן געביט פון מלוכה־רעכט איז פּראָפ. וואודראָו ווילסאָן צוערשט ארויסגעקומען מיט זיין בוך איבער „נייע פריי־הייט".*) צום אונטערשיד פון סטוּארט מיל האָט ווילסאָן געפאָדערט א פאַרברייטערונג פונם באַגריף פרייהייט, ווייל פרייהייט איז ניט מעגלאַך דאָרטן, וואו מען איז ניט זיכער מיט ברויט און אויסקום. ווילסאָנס בוך איז געוועזן דער אָנזאָגער פון א נייער פרידלאכער רעוואָלוציע.

---

*) זע דאָס בוך פון: W. Wilson, The New Freedom

געקומען איז זי אָבער ערשט אין די צייטן פון פרעזידענט רוזוועלט מיט זיין נייער פּאָליטיק פון „ניו־דיל". אין אַ לאַנד, אין וועלכן מען האָט באַטראַכט פאר א דעמאָראַליזאציע צו פאַרזאָרגן דעם יחיד קעגן עקאָנאָמישע סכנות, אין אַ וועלט פון אינדיווידואַליסטישער הפקרות, איז אריין אין קראַפט דאָס געזעץ וועגן סאָציאלער זיכערקייט אין 1935 (סאָשיאַל־סעקיוריטי־אַקט) און אנדערע. דער „אל תשליכנו לעת זקנה" („דו זאָלסט אונז ניט פאַרלאָזן אויף דער עלטער") איז דורך דעם אַקט געוואָרן אַ ווירקלאַכקייט אין די ראַמען פון דער נייער אַמעריקאַנישער סאָציאַלער דעמאָקראַטיע. אַ לאַנד ווי אמעריקע, וואָס האָט „פארשפעטיקט" מיט איר סאָציאלער געזעצגעבונג לגבי דער אלטער אייראָפּע מיט לערך 60־50 יאָר, איז ארויס מיט אַ געזעץ, אויפן סמך פון וועלכן מ י ל י א ָ נ ע ן ארבעטער האָבן איצט פּאָנדן, וואָס פאַרזיכערן זיי און זייערע משפחות קעגן נויט אויף דער עלטער. איבער 100,000 יחידים באקומען שוין זייערע „בענע־פיטס". ארום צוויי מיליאָן אַלטע לייט, 807,000 קינדער און 48,000 בלינדע באקומען הילף. און ארום אָנדערהאַלבן מיליאָן צייטווייליקע ארבעטסלאָזע קריגן זייערע טשעקס. מיר קענען זיך דאָ ניט אָפּשטעלן אויפן גאַנצן פארנעם פונם „ניו־דיל", אָבער די עטלאכע אָנגעגעבענע פאַקטן און ציפערן באַווייזן, אז אמעריקע האָט געבראַכט דעם גלענ־צענדסטן באַווייז אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט, אַז די דעמאָ־קראַטיע האָט געפונען דעם וועג אויף א פרידלאכן אופן און אין אַן אַטמאָספערע פון פרייהייט צו פארווירקלאכן די פרינציפּן פון סאָציאַלער גערעכטיקייט.

דער פעלקער־בונד

פון דעם מעגלאכסט־קורצן סך־הכל איבער די מלוכה אָרדנונג אין אייראָפּע און אמעריקע אין 1939־1919 זעען מיר די וויכטיקע דערשיינונג, אז אויסערלאך איז אין די ערשטע יאָרן די דעמאָקראטיע פאַרשטאַרקט געוואָרן. צו די אלטע דעמאָקראַטישע מלוכות זיינען צוגעקומען ניי־געשאַפענע אָדער באַנייטע מלוכות, וועלכע האָבן פּראָקלאַמירט דעמאָקראטישע קאָנסטיטוציעס און אריבערגעטראָגן די מלוכה־מאַכט אין די הענט פון דעם פאָלק גופא. מען האָט צוגעזאָגט דורכצופירן און אין א געוויסער מאָס באמת דורכגעפירט סאָציאַל־עקאָנאָמישע רעפאָרמעס. אלע אייראָפּעיאישע — אַלטע און נייע — מלוכות זיינען אריינגעגאנגען אין דעם פעלקער־בונד, דעם ערשטן אינטערנאַציאָנאַלן צונויפבונד פון מלוכות.

עס איז א מאָדע צו באַציען זיך צו דעם פעלקער־בונד (ליג אָף נעישאָנס) מיט פאַראַכטונג און בייסנדיקער איראָניע. אָבער אזוי קענען

זיך צו אים באַציען מענטשן, וועלכע ווייסן ניט די פריערדיקע געשיכ־טע פון די אינטערנאַציאָנאַלע באַציאונגען. ביז צו דער גרינדונג פון פעלקער־בונד איז די דיפּלאָמאַטיע געווען א הפקר־זאַך, וועלכע איז געפירט געוואָרן בסוד סודות אין די געהיימע קאַבינעטן פון קעניגן און מיניסטאָרן. די פאָדערונג פון א רעגולאַציע פון צווישן־מלוכהשע באַציאונגען איז פונקט אזוי אַלט ווי דער געדאַנק פון דעם אייביקן פרידן און דעם אחרית־הימים פון אונזערע נביאים. געבראַכט די דאָזיקע אידייע צו פאַרווירקליכונג האָט אן אמעריקאַנישער שטאַטסמאַן און פרע־זידענט, וואודראָו ווילסאָן,—קעגן דעם רצון פון פינאַנציעל־מעכטיקע קרייזן אין אמעריקע, וועלכע זיינען געווען קעגן אַזאַ מין אידייאישן עקספּאָרט. וויכטיק איז אָבער, אז די פּאַראַרימטע און געפּיינעקטע נאָך־מלחמה אייראָפּע האָט אָנגענומען דעם דאָזיקן פעלקער־בונד אלס איר אינטערנאַציאָנאַלע פאַרפליכטונג.

און דאָס איז געווען און בלייבט איינע פון די בעסטע, אויב פּשוט ניט די העכסטע אידייע פון דער מאָדערנער דעמאָקראַטיע.

פון דער אידייע האָט זיך ניט אויסגעלאָזן דאָס, אויף וואָס אירע שאַפער האָבן געהאָפט. אָבער דער פעלער איז געלעגן אין דער ניט־ריכטיקער קאָנסטרוקציע פון די פונקציעס פון פעלקער־בונד, וועלכע איז אָגב לויט דעם אַרטיקל 16 דערגאַנגען צו דעם, אַז דער פעלקער־בונד זאָל קענען מיטן כוח פון ספּעציעלע סאַנקציעס צווינגען אירן אַ מיט־גליד צו האַנדלען בהסכם מיט אירע גרונט־פּרינציפּן. דער חסרון איז געלעגן אין דעם, וואָס צו דעם ריכטיקן אַמעריקאַנישן „בלו־פּרינט", צו דעם היכן און ווירדיקן פּלאַן, האָט געפעלט די נויטיקע קענטעניש פון דער נאַטור פון די קינפטיקע מיטגלידער פון פעלקער־בונד, און ווי מען זאָל פאַרטיילן צווישן זיי זייערע פונקציעס און רעכט. און די דאָזיקע פאַר־טיילונג איז געווען אַן אינערלאַכער אייראָפּייאישער עסק, צו וועלכן מען האָט ניט צוגעלאָזן די אַמעריקאַנישע מחברים. און דאָך וואָלט זיך אויך דאָ געלאָזט שאַפן אַ קאָמפּראָמיס. קיין איינציקע אידייע ווערט ניט פאַר־ווירקלאַכט אין לעבן אויף גאַנצע הונדערט פּראָצענט. עס ווערט איבער־געלאָזן דער צוקונפט אויסצובעסערן, צולייגן און אָראָפּנעמען פון דעם לכתחילה געשאַפענעם פּראָיעקט. אָבער אַזאַ מין פרידלאַכע אַנטוויק־לונג פון אַן אָרגאַן איז נאָר מעגלאַך דאַן, אויב עס אַנטשטייט ניט אַ צווייי־טער אַנטקעגן־ווירקנדיקער כוח, וועלכער איז שטאַרקער פון דעם ערשטן.

און דאָס איז, וואָס עס איז געשען מיטן פעלקער־בונד. דער ערשטער געבורטס־פעלער—אזוי צו זאָגן—איז געווען, וואָס די פאַראייניקטע שטאַטן וועלכע האָבן אויסגעאַרבעט דעם גאַנצן פּלאַן, אים דורכגעטראָגן דורך דער שרעקלאכער מלחמה, און אים דערפירט צו די „14 פונקטן" און

דעם פעלקער־בונד־סטאַטוט, די דאָזיקע אַמעריקע איז געבליבן שטיין אַן דער זייט. אמת, די פאַראייניקטע שטאַטן האָבן אַנטייל גענומען אין דער פּראַקטישער אַרבעט פון די ספּעציעלע דעפּאַרטמענטן פון דער ליגע, ווי ביי דעם סטאַטיסטישן און אַרבעטס־אַמט, אָבער אין דער פּאָליטיק און אינטער־נאַציאָנאַלע באַציאונגען איז „אַנקל סעם" געבליבן אָן דער זייט, ניט קוקנ־דיק אַפילו אויף דעם, וואָס זיינע פּאַן־אַמעריקאַנישע חברים פון דרום־אַמעריקע זיינען יאָ אַריינגעגאַנגען אין פעלקער־בונד. דאָס דאָזיקע פעלן פון אַמעריקע האָט פאַרקלענערט די מעגלאַכקייטן און די פאַראַנטוואָרטלעכ־קייט פון פעלקער־בונד.

אָבער דאָס פּאָליטישע אויספעלן פון די פאַראייניקטע שטאַטן איז גע־ווען אַ חסרון פון אַ נעגאַטיוון כאַראַקטער. דאָס וואָלט נאָך ניט געווען גענוג, כדי צו אונטערגראָבן די עקזיסטענץ פון פעלקער־בונד. ערגער איז געווען, וואָס צו דעם נעגאַטיוון שטער איז צוגעקומען אַ פּאָזיטיוו־פאַרניכ־טענדער כוח. דאָס איז געווען דער ראַטן־פאַרבאַנד.

דער ראַטן־פאַרבאַנד, וועמענס געאָגראַפישער שטח פאַרשפּרייט זיך אויף אַ זעקסטל פון דעם גאַנצן וועלט־גלאָבוס און וועמענס געשיכטע און פּאָליטיק איז פאַר די לעצטע 20 יאָר ענג פאַרבונדן מיט אייראָפּע, איז ניט נאָר ניט אַריינגעגאַנגען אין פעלקער־בונד, נאָר האָט פאַרנומען צו אים אַ שאַרף־פיינטלאַכע שטעלונג. אין דער אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע פון די סאָוויעטן איז דאָס געווען ניט אַ ליגע פון נאַציעס, נאָר אַ „ליגע פון מאַכינאַציעס". ניט קענענדיק אַליין פאַרשפּרייטן זיינע פּאָליטישע אידייען און אַמביציעס אין דעם אינטערנאַציאָנאַלן פאַרנעם, האָט דער ראַטן־פאַר־באַנד ניט געוואָלט צולאָזן, אַז די ליג, די קרוין־אינסטיטוציע פון דער ביר־גערלאַכער דעמאָקראַטיע — זאָל פאַרנעמען דעם אָרט פון אַ צווישן־פעל־קער־פאָרום. ער האָט געוואָלט בלייבן אַליין דער מאָנאָפּאָליסט פון אינ־טערנאַציאָנאַליזם.

דעם דאָזיקן פעלער האָט רוסלאַנד איינגעזען זייער שפּעט. שוין נאָך דעם בלוטלאָזן נצחון פון היטלער איבער דייטשלאַנד, העכער אַ יאָר שפּע־טער, איז ראַטן־רוסלאַנד געוואָרן אַ בעל־תשובה און איז אין 1934 אַריין אין דער ליגע, פון וועלכער זי האָט חוזק געמאַכט 13-14 יאָר נאָכאַנאַנד. ווען מאָסקווע האָט דערשמעקט, אַז זי האָט איבערגעכאַפּט די מאָס, איז זי פּלוצים געוואָרן אַ פריינט פון דעמאָקראַטיע. אין דער אינערער פּאָ־ליטיק פון מערב־אייראָפּע האָט דער ראַטן־פאַרבאַנד פאַרגעשריבן זיינע קאָמוניסטישע חברים צו אונטערשטיצן דעם „פאָלקס־פראָנט". מען האָט פון היינט אויף מאָרגן געביטן דעם קורס, ריינגעוואַשן דעם אימפּעריאַ־ליסטישן „שרץ" און פייערלאַך אַריין אין פעלקער־בונד אין דער לייטענדער

ראָלע פון אַ ראַטן־מיטגליד גלייך מיט אַנדערע מעכטע און אינאיינעם מיט די פערצן יאָר געזידלטע אַנגלאָ־פראַנצויזישע אימפּעריאַליסטן.

דער דאָזיקער דעמאָקראַטישער בייט פון ראַטן־פאַרבאַנד איז געווען אַ רעזולטאַט פון פּאָליטישע חשבונות: צו ערשט איז געקומען די פאַר־שטאַרקונג פון מוסאָליני און היטלער, נאָכדעם איז פאַרגעקומען דער אַרויס־טריט פון די אַגרעסיווע מלוכות: דייטשלאַנד, יאַפּאַן און איטאַליע פון פעלקער־בונד, ווייל זיי האָבן ניט געוואָלט זיין געבונדן אין זייערע קינפטיגע איבערפאַלן אויף שוואַכע פעלקער מיט די יורידישע קייטן פון דער דעמאָקראַ־טישער תפיסה פון פעלקער־בונד. דאָס האָט געבראַכט דעם ראַטן־פאַר־באַנד צו דעם געדאַנק, אַז ער קען ווערן אַ קרבן פון די פאַשיסטישע אימ־פעריעס. ליטווינאָוו האָט אויסגעאַרבעט זיין באַרימטע דעפיניציע פון דעם, וואָס איז אַזוינס „אַגרעסאָר״ און ווען דער פעלקער־בונד מעג אַרויסטרעטן מיט פאַראייניקטע כוחות קעגן אַזאַ מלוכה.

אָבער שוין אַליין די נויטווענדיקייט צו געבן אַזעלכע „דעפיניציעס״ איז געווען דער בעסטער באַווייז, אַז דער פעלקער־בונד געפינט זיך אין דער גרעסטער געפאַר.

מען דאַרף צוגעבן, אַז דער פעלקער־בונד איז געווען דערפאָלגרייך אויף אַ סך געביטן. אַזוינע געביטן זיינען געווען: 1) „די אינטערנאַציאָנאַלע אַרבעטער־ביוראָ״, צו וועלכער ס׳האָבן געהערט ניט נאָר מיטגלידער פונם פעלקער־בונד, נאָר אויך ניט־מיטגלידער, ווי למשל, אַמעריקע און אַנדערע. די צילן פון דער ביוראָ זיינען געווען די אויסבעסערונג פון דער לאַגע פון די אַרבעטנדיקע מאַסן אין דער וועלט. די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע איז געווען די גאַנצע צוואַנציק יאָר 1919—1939 זייער אַקטיוו און האָט געבראַכט אַ סך הילף און נוצן. 2) דער אינטערנאַציאָנאַלער געריכט. דער דאָזיקער געריכט האָט געהאָלפן אויסמיידן וויכטיקע שטרייטן צווישן פעלקער. ער האָט אויסגעטייטשט פאַרשיידענע אָפּמאַכן און געלעזט וויכטיקע רעכט־לאַכע פראַגעס. ער האָט אויך אַ סך אויפגעטאָן צו אָפּהיטן די מינדערהייטן רעכט אין פאַרשיידענע לענדער. די פּסק־דינים פונם געריכט זיינען גע־ווען אָבליגאַטאָריש פאַר די מלוכות.

כדי צו פאַרשטאַרקן דעם שלום פון דער וועלט האָט דער פעלקער־בונד טיילווייז מיטגעהאָלפן שאַפן אָפּמאַכן, דורך וועלכע מלחמות זאָלן קאָ־נען פאַרהיט ווערן. צו דעם מין האָבן געהערט, למשל, די לאָקאַרנאָ־פּאַקטן פון 1925, צו וועלכע עס זיינען צוגעשטאַנען: דייטשלאַנד, בעלגיע, פראַנק־רייך, גרויס־בריטאַניע און איטאַליע, דערנאָך אויך פּוילן און טשעכאָסלאָ־וואַקיע. דאַן איז געשאַפן געוואָרן דער קעלאָג־פּאַקט, אונטערגעשריבן אויך פון די פאַראייניקטע שטאַטן, אין וועלכן צען פירנדע מלוכות האָבן אָפּגעוואָרפן דעם קריג, אַלס אַ מיטל צו לעזן אינטערנאַציאָנאַלע שטרייטן און

אַלס אַן אינסטרומענט פון נאַציאָנאַלער פּאָליטיק. אין 1930 האָט דער פראַנצויזישער אויסערן־מיניסטער, אַ. בריאַנד, אַריינגעבראַכט דעם באַרימטן פּראָיעקט צו שאַפן אַ פעדעראַציע פון די אייראָפּייאישע לענדער.

אָבער באַלד נאָך דעם גרויסן פינאַנציעלן קריזיס האָט זיך אָנגעהויבן די טרויעריקע תקופה פון דער בהדרגה׳דיקער צעברעקלונג פונם פעלקער־בונד. פּאַראַלעל מיט דעם איז געגאַנגען די פאַרשטאַרקונג פון דער פאַשיסטישער איטאַליע און רעאַקציאָנערער דייטשלאַנד, די שטאַרקסטע פיינט פון אַן אָרגאַניזירטער דעמאָקראַטישער וועלט־אָרדנונג. אַרויסגעוויזן האָט זיך צום סוף, אַז אַן אמת׳ער „פעלקער־בונד” קען עקזיסטירן, ווען ס׳הערשט דעמאָקראַטיע אין דער וועלט.

ראַטן־רוסלאַנד קעגן דער דעמאָקראַטיע

דער קיום פון ראַטן־רוסלאַנד אַלס אַן אַנטי־דעמאָקראַטישע מלוכה האָט אַנטשיידן איר היסטאָרישע ראָלע. די שריט אויף צוריק, וואָס סטאַלין האָט געפּרואווט נעמען אין די פּאָר יאָר פאַרן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, האָט שוין גאָרנישט ניט געקענט איבעראַנדערשן. און אויב אַפילו אין די לעצטע יאָרן האָט דער סטאַליניזם אַביסל געענדערט זיין פּיר און איינשטעל, איז דאָך זיין אַנטי־דעמאָקראַטיזם געבליבן.

כדי אַביסל צו פאַרווייסן די אינווייניקסטע סאָוויעטן־פּאָליטיק, האָט מען אין 1936 פּראָקלאַמירט אַ נייע ראַטן־קאָנסטיטוציע. אין דער דאָזיקער קאָנסטיטוציע האָבן אַלע בירגער פון ביידע געשלעכטער, אָן אונטערשייד פון נאַציע און אָפּשטאַם, דאָס רעכט אָנטיילצונעמען אין דער באַשטימונג פון די דעפּוטאַטן אין דעם צענטראַלן און אין די אָרטיקע סאָוויעטן. נאָר מיט איין אַרטיקל 141 פון דער דאָזיקער קאָנסטיטוציע ווערט געהרגעט דער גאַנצער תוך פון באמת דעמאָקראַטישע וואַלן. לויט דעם דאָזיקן אַרטיקל האָט דאָס רעכט אַרויסצושטעלן ק אַ נ ד י ד אַ ט ן צו די „וואַלן” נ אָ ר א י י ן פּ אַ ר ט ײ, — ד י ק אָ מ ו נ י ס ט י ש ע. ווײַלן, הייסט — האָבן די מעגלאַכקייט אויסצואווייַלן פאָרטרעטער צ ווי ש ן פאַרשיידענע פּאַרטייען און פּאָליטישע ריכטונגען. אָבער וואו ס׳איז ניטאָ צווישן וועמען אויסצוואווילן, דאָרטן איז ניט פאַראַן דער עצם־אַקט פון וואַלן.

עס איז אפשר טראַגיש דאָס צו קאָנסטאַטירן, ווייל סוף כל סוף וועט דאָך קיינער ניט לייקענען, אַז רוסלאַנד האָט געמאַכט וויכטיקע דערגרייכונגען. זי האָט געהויבן דעם נידעריקן קולטורעלן מצב אין פאַרגלייך מיטן צאַריזם, זי האָט אַריינגעבראַכט דעם אלף־בית צו פעלקער, וועלכע האָבן ניט געהאַט קיין שריפט. זי האָט פאַרניכטעט די נאַציאָנאַלע אונטערדריקונג

און די פינסטערע רוסיפיקאציע פון אמאָל, זי האָט געמאכט א סוף פון דער ממשלה פון 130,000 לענדלאָרדס („פּאָמעשטשיקעס") איבער א גאַנצן וועלט־טייל. אָבער צוליב דעם האָט רוסלאנד געקענט בלייבן א דעמאָקראטיש לאַנד פון א ברייטן פארנעם. צוליב דעם איז דער „אָקטיאבר„ געווען איבעריק.

וואס עס איז אבער נוגע דעם ריין סאָציאַליסטישן בייט אין דער באַלעבאַטישקייט — האט דאָס אינגאַנצן ניט אויסגענומען, — אפילו אין די אַרבעטער־קרייזן פון אייראפּע. און הגם אויך אויף דעם דאָזיקן געביט האט ראַטן־רוסלאַנד געשאַפן נייע פאָרמעס פון באַלעבאַטישקייט, איז אָבער דאָך דער ראַטן־פאַרבאַנד אויפן עקאָנאָמישן געביט ניט געבליבן מאָס־געבנדיק פאַר אַנדערע מלוכות פון דער קולטור־וועלט. די הילף, אין וועלכער ראַטן־רוסלאַנד האָט זיך שטענדיק גענויטיקט און באַקומען ביי די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, האָט זיך גענומען פון דער נידעריקער קוואַליפיקאַציע פון אירע אינדוסטריעלע פּראָדוקטן. די מחנות פון טעכניקער און אַרבעטער, וועלכע רוסלאַנד האט אויסגעשריבן צו זיך אין דער תקופה פון סטאַלינעז, זיינען געווען גרעסער, ווי די מחנות ספּעציאַליסטן, וואָס די רוסישע צאַרן פלעגן אַרויסרופן קיין רוסלאַנד. עס האָט זיך געשאַפן דער איינדרוק אין אייראָפּע און אַמעריקע, אַז די ראַטן־אינדוסטריע און באַלע־באַטישקייט זיינען אַזוי אומבאהאלפן און פּרימיטיוו, **אז אן דער הילף פון קאַפּיטאַליסטישע לענדער** קען דער גאַנצער רוסישער סאָציאַליסטישער עקספּערימענט **זיך ניט באַגיין.** דאס האט אויך ווייטער געשאַפן דעם איינדרוק, אַז ראַטן־רוסלאַנד, ווי אַ נייע מלוכה, איז אינטערעסירט אין אַ פרידלאַכער אַנטוויקלונג פון די קאַפּיטאַליסטישע לענדער אין קעגנזאַץ צו אירע פּאָליטישע און סאָציאַלע אַמביציעס, וועלכע האבן געפּאָדערט, אַז אין דער גאַנצער וועלט זאָל זיך אַנהויבן אַ סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע.

די דאָזיקע איינשטעלונג פון ראַטן־פאַרבאַנד האָט שפּעטער מעגלאַך געמאַכט איר פשרות׳פולע פּאָליטיק בנוגע די רעאַקציאָנערע מלוכות. די עקזיסטענץ פון דעם ראַטן־רעזשים איז געוואָרן וויכטיקער ווי דאָס אָפּהיטן פון געוויסע פּרינציפּן. סטאַלין האט זיך אָפּגעזאָגט פון די רעוואָלוציאָנערע חלומות פון אַלוועלטלאַכער רעוואָלוציע. עס איז פּראָקלאַמירט געוואָרן דער „סאָציאַליזם אין איין לאַנד" און דאָס דאָזיקע לאַנד איז געוואָרן דער ראַטן־פאַרבאַנד, אין וועלכן דאָס „פירנדיקע" פאָלק איז דאָס רוסישע פאָלק.

דאָס האָט אויך פּסיכאָלאָגיש צוגעגרייט די מעגלאַכקייט פון דעם אָפּ־מאַד מיט היטלערן אין אויגוסט 1939, אַ קורצע ווײַלע איידער היטלער האָט זיך געוואָרפן אויף פּוילן און דערמיט אַנגעהויבן די צווייטע וועלט־מלחמה. נאָך אָט דער קורצער תקופה פון אַן אויסערלאַכן מיטאַרבעטן מיט די דעמאָ־

קראַטישע מדינות אין דעם פעלקער־בונד, פון 1934 ביז 1939, — האָט דער סאָוועטן־פאַרבאַנד אַנגעהויבן מיט אַ פּאָליטיק, וואָס האָט אים פאַרבונדן מיט נאַצי־דייטשלאַנד. די דאָזיקע פאַרבינדונג האָט געדויערט ווייניקער פון 2 יאָר — פון דעם 22טן אויגוסט, 1939, ביזן 22טן יוני, 1941.

די דאָזיקע תקופה האָט זיך איבערגעריסן מיט דעם אָנפאַל פון נאַצי־דייטשלאַנד דעם 22טן יוני, 1941. דער דאָזיקער היטלער־פּאַראַט האָט מיט איין קלאַפּ געצוואונגען דעם ראַטן־פאַרבאַנד, איבערצואַנדערשן זיין גאַנצן איינשטעל און לחלוטין בייטן זיין אויסערלאַכע פּאָליטיק. ער האָט באַדאַרפט אויף דאָס ניי אויפנעמען די איבערגעריסענע באַציאונגען צו די גרויסע אַנגלאָ־סאַקסישע דעמאָקראַטישע מדינות. אויך פאַר ענגלאַנד און אירע דאָמיניאָנס, פּונקט ווי פאַר די פאַראייניקטע שטאַטן, האָט דאָס געהייסן דורכצומאַכן אַ גרויסע פּאָליטיש־פּסיכאָלאָגישע איבערקערעניש.

דאָס האָט בולט באַוויזן, אַז ניט שטענדיק וואַרט די געשיכטע ביז אַן אינעווייניקסטע אַנטוויקלונג פון אַ לאַנד זאָל איר רייף מאַכן פאַר אַ נייעם רעזשים. די וועלט איז דערגאַנגען דערצו, אַז דורך אויסערלאַכער פּאָליטיק זוכט זי אָפט צו לעזן די פראַגן פון איר אינעווייניקסטן רעזשים און צו ענדערן איר סאָציאַלן מלוכה־סדר. דאָס האָט שוין געטראָפן ניט דאָס ערשטע מאָל אין דער געשיכטע. דאָס איז געשען מיט איבער 100 יאָר צוריק אין די רעוואָלוציאָנערע קריגן פון סוף פון דעם 18טן יאָרהונדערט און אין די נאַפּאָלעאָנישע מלחמות אָנהויב דעם 19טן יאָרהונדערט. דעמאָלט האָבן מלוכות געמוזט אָננעמען דעמאָקראַטישע פאָרמען, כאָטש זיי זיינען פאַר דעם נאָך ניט רייף געווען. דאָס איז אויך געשען אין די יאָרן פון 1914 ביז 1918, ווען געוויסע רעגירונגען האָבן אָנגענומען נייע דעמאָקראַטישע רעגירונגס־פאָרמען, פאַר וועלכע זיי זיינען נאָך גאָרניט רייף געווען.

היטלערס אָנפאַל שטויסט רוסלאַנד צוריק אין דעם לאַגער, וואו זי דאַרף געהערן. צו דעם, וואָס דער ראַטן־פאַרבאַנד האָט ניט געקענט דערגיין דורך זיין אינעווייניקסטער פּאָליטיק, קומט ער אַדאַנק דעם אויסערלאַכן דרוק. עס איז מיט אַמאָל אין דעם פייער פון בליץ־קריג קלאָר געוואָרן, אַז דער ראַטן־פאַרבאַנד מוז קעמפן מיט די דעמאָקראַטיעס קעגן דעם געמיינזאַמען שונא — היטלער־דייטשלאַנד, און אַז דער גורל פון ראַטן־פאַרבאַנד איז פאַרבונדן מיט דעם גורל פון די אַנדערע דעמאָקראַטיעס אין זייער קאַמף קעגן די אַקסיס־מאַכטן.

דאָס האָט קודם־כל געפירט צו אַ נייער אָריענטאַציע. אויב פריער, בעת'ן שלום מיט היטלער־דייטשלאַנד, האָבן די סאָוועטן פּראָקלאַמירט, אַז רוסלאַנד איז נייטראַל אין דער איצטיקער מלחמה, וואָס ווערט געפירט צווישן צוויי בורזשואַזע לאַגערן, און אַז ראַטן־רוסלאַנד דאַרף פּאַסיוו צוזען.

ווי דיביידע לאגערן מאטערן אויס איינער דעם צווייטן און מאכן זיך ביידע בלוטלאז, ביז ער וועט ווערן דער געמיינזאמער יורש פון זיי ביידן, — איז אט די טעאריע איצט אנטגילטיק אפגעווארפן געווארן. איצט האנדלט זיך שוין וועגן א נאענטן, אויסערלאכן און אינעווייניקסטן קאנטאקט און אנער־קענונג ניט נאר פון די גרויסע אלטע דעמאקראטיעס, נאר אויך פון די פרייע גלות־רעגירונגען, וועלכע זיינען באטראכט געווארן ביזן 22טן יוני, 1941 אלס רעאקציאנערע „מיטלויפער" פון ענגלאנד. איצט איז געשלאסן גע־ווארן אן אפמאך אפילו מיט דער פוילישער גלות־רעגירונג פון סיקארסקי. עס איז אנערקענט געווארן די פוילישע ארמיי אלס א פארבינדעטע פון ראטן פארבאנד. א פוילישע ארמיי ווערט איצט אויך ארגאניזירט אין ראטן־פארבאנד גופא, פון די פריערדיקע פוילישע קריגס־געפאנגענע, פון וועלכע א היפשער פראצענט איז אגב פון פוילישע אידן.

דאס הייסט נאטירלאך נאך נישט, אז דער ראטן־פארבאנד וועט פלור־צים בייטן זיין אינעווייניקסטן רעזשים פון דיקטאטור. די לאגיק פון די געשעענישן מוז אבער משפיע זיין. אפילו די אינערציע פון דעם ראטן־רעזשים, די באגייסטערונג פון דער רוסישער באפעלקערונג, מיט וועלכער זי שטיצט איר ארמיי אין קאמף קעגן נאצי־דייטשלאנד, איז אין זיך גופא א זייער וויכטיקער פאקטאר. די דאזיקע באגייסטערונג איז א נאציאנאלע און ניט קיין פארטייאישע. די מלחמה גייט איצט נישט אין נאמען פון קאמף פאר די סאציאלע און רעוואלוציאנערע לאזונגען פון ראטן־פארבאנד אדער פאר זיינע קאמוניסטישע דערגרייכונגען.

דעם ראטן־פארבאנד איז אויסגעפאלן צו ווערן דער באשיצער פון דעם פאטערלאנד בפועל ממש. רוסלאנד אלס א גרויס לאנד האט זייער זעלטן איבערגעלעבט אן אמת׳ע נאציאנאלע סכנה. מען קען מיט דעם פינגער איבערציילן די ענלאכע פאלן פון אזעלכע אינוואזיעס. אזוי ווייסן מיר, אז אין יאר 1613, ווען פאר רוסלאנד איז געשטאנען די סכנה, אז פוילן זאל איר פארוואנדלען אין איר וואסאל, האט געפירט צו א נאציאנאל־רוסי־שער דערוואכונג אנטקעגן די פאליאקן. דאס צווייטע מאל האט זיך אזא פאל איבערגע׳חזר׳ט מיט 200 יאר שפעטער אין יאר 1812, ווען נאפא־לעאן האט זיך אריינגעריסן אין רוסלאנד און האט געליטן די מפלה, וואס האט געפירט צו זיין אונטערגאנג. אלע אנדערע מלחמות פון דער קייזער־לאכער רוסלאנד האבן ניט געבראכט קיין דירעקטע סכנה פארן נאציאנאלן קיום פון רוסישן פאלק.

איצט, 130 יאר נאך נאפאלעאנען, דארף דער ראטן־פארבאנד ווידער פירן א ספעציפיש נאציאנאלע מלחמה קעגן דער אינוואזיע פון א שונא, וועלכער האט דערקלערט, אז זיין ציל איז צו פארשקלאפן רוסלאנד אונטער א פרעמדן יאך.

אַזאַ נאַציאָנאַלע מלחמה בינדט אויך די ראַטן־מאַכט צו באַשטיין אויף איר פּאָזיציע אַלס אַ באַשיצערין פון אַלע גרויסע און קליינע פעלקער אין גאַנץ רוסלאַנד. אַזאַ מלחמה דערלאָזט שוין נישט קיין פאַרשאַרפונג פון אינעווייניקסטע סאָציאַלע אָדער רעליגיעזע פּראָבלעמען. אַלץ, וואָס העלפט צו שטאַרקן דעם גלויבן פון פאָלק אין ניצחון, — ווערט אונטערגע־שטיצט פון דער רעגירונג. אַלערליי אויסדרוקן פון אַזאַ נאַציאָנאַלן פּאַט־ריאָטיזם זיינען ווינטשענסווערט — אפילו אויב זיי גייען זיך פונאַנדער מיט דער פריערדיקער אידעאָלאָגיע. למשל: תפילות אין קירכן און אין סי־נאַגאָגעס זיינען איצטער אַ בעסערער אויסדרוק פאַרן סאָוועט־פּאַטריאָטיזם איידער דער גאָטלאָזער סקעפּטיציזם אָדער אַ מאַרקסיסטיש־באַגרינדעטער פּעסימיזם בנוגע דעם אויסגאַנג פון דער מלחמה.

דאָס פירט במילא צו אָפּזאָגן זיך פון די פאַרגליווערטע דאָגמעס, וועל־כע זיינען געווען פריער אַבליגאַטאָריש פאַר אויסגעהאַלטענע קאָמוניסטן, און יעדער קריטיק איבער אַבליגאַטאָרישע אַני־מאַמינ׳ס.

אָבער אין די עטלאַכע און צוואַנציק יאָר איז אויסגעוואַקסן אַ נייער דור אין רוסלאַנד, וואָס האָט צו פאַרלירן זיין קולטור אוןווירטשאַפט מיט דעם אונטערגאַנג פון לאַנד. עס איז שוין ניט נויטיק אים אָנצואווייזן, אַז ער דאַרף באַקעמפן דעם אויסערן שונא. דאָס פאַרשטייט ער שוין אַליין. די מאַכט קען זיך היינט אַפילו דערלויבן אַ געוויסן גראַד פון טאָלעראַנץ צו פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן און איינצלנע גרופּעס.

די הילף, וואָס די מערב׳דיקע דעמאָקראַטיעס גיבן און וועלן נאָך געבן צום ראַטן־פאַרבאַנד, וועט זיכער ווירקן אויף רוסלאַנד צו איבערשאַצן אַ רייע ווערטן, וועלכע זיינען פון זיי פריער נישט אָנערקענט געוואָרן. די אידעאַלן פון פרייהייט, דעמאָקראַטיע וועלן זיכער געפינען נייע חסידים אין רוסלאַנד. דאָס וועלן די סאָלדאַטן צוריקברענגען פון דער מלחמה, פונקט אַזוי ווי די רוסישע אַרמייען, וואָס האָבן געקעמפט מיט נאַפּאָלעאָנען אין 1812, האָבן צוריקגעבראַכט אין רוסלאַנד פאָדערונגען פון ליבעראַלע רע־פאָרמעס, וואָס האָבן געפירט צו דעם דעקאַבריסטן־רעוואָלט פון 1825 אַנטקעגן דעם צאַרישן אַבסאָלוטיזם.

די טעותן פון דער נאָך־מלחמה דעמאָקראַטיע

די טעותן פון דער מאָדערנער נאָך־מלחמה דעמאָקראַטיע זיינען געווען זייער גרויס. און למען האמת און צוליב אָביעקטיווקייט ביי דער אָפּשאַ־צונג דאַרפן זיי דאָ דערמאָנט ווערן, ווייל פון די פעלערן דאַרפן מיר זיך לערנען פאַר דער צוקונפט. דערביי מוז מען שטענדיק וויסן, אַז ביי יעדן מלוכה־סדר און דעריבער אויך ביי דער דעמאָקראַטיע אַנטשיידעט זייער אָפט ניט דער שכל, נאָר דער אינטערעס. און באַזונדערס ווערט פאַר־

טונקלט דער שכל און יושר אין א צייט פון אָרעמקייט, עקאָנאָמישער דעפּרע־סיע און נויט. אין דער הינזיכט האָט די מאָדערנע דעמאָקראַטיע ניט געהאַט קיין מזל. זי איז די גאַנצע צייט און באַזונדערס אין אייראָפּע געשטאַנען אונטערן צייכן פון דחקות, עלנט, גייסטיקער דעפּרעסיע און אומצופרידנ־קייט.

מיר האָבן שוין אויבן אָנגעוויזן, אז אין נייַנצנטן יאָרהונדערט האָט זיך פון די אונטערדריקטע מאַסן ארויסגעהויבן דער אָרגאַניזירטער אַרבעטער־קלאַס. אָבער דער קליין־בירגער און פּויער איז געבליבן פאַרלאָזן. דער פאַקט האָט זיך באַזונדערס בולט ארויסגעוויזן נאָך דער מלחמה, אין וועלכער דער קליין־בירגער און פּויער זיינען געווען די הויפּט עלעמענטן, וואָס האָבן אויף זיך געטראָגן די קעמפנדע ארמייען. צוריקגעקומען צוקאַליעטשעטע און אויסגעמאַטערטע פון פראָנט, האָט זיך פאַר זיי ניט איינגעשטעלט דער פּראָפעסיאָנאַלער פאַרבאַנד. איזאָלירטע און פאַרוואָגלטע זיינען זיי ארומ־געגאַנגען און געדאַרפט וואַרטן אויף אימיצנס חסד.

באַזונדערס באַצייט זיך דאָס אויף די באַזיגטע לענדער פון צענטראַל־אייראָפּע, און קודם כל אויף דייטשלאַנד.

דער נצחון איבער דער אַלט־פאַרגליווערטער מאָנאַרכיע איז געווען א רעזולטאַט ניט אַזוי פיל פון דער פאַרביטערונג און רעוואָלוציאָנערן רצון פון די מאַסן, ווי פון דער מלחמה־נויטווענדיקייט און די פאָדערונג פון די אַליאירטע זיגערס.

יעדנפאַלס איז די נייע דייטשע דעמאָקראַטישע רעפּובליק (און אודאי שוין די נייע דייטש־עסטרייך און אונגאַרן) ניט געווען אַנטשלאָסן צו באַ־האַלטן די גאַנצע מאַכט אין אירע אייגענע הענט. ס'איז געגוג צו דער־מאָנען אייניקע „שרייענדע" פאַקטן. אין די ערשטע טעג נאָך ווילהעלמ׳ס דעם צווייטנס פאַנישן אוועקלויפן קיין האָלאַנד האָט זיך שיידעמאַן, דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער מיניסטער, ניט אַנטשלאָסן צו פּראָקלאַמירן תיכף די רעפּובליק.

די נייע דייטשע דעמאָקראַטיע האָט געלאָזן ביי דער מאַכט דעם גאַנצן אַלטן קייזערליכן אַפּאַראַט פון באַאַמטע, אָפיצערן און ריכטער. א גאַנצע פיל־טויזנט־קעפּיקער רעגירונגס־אַפּאַראַט, וועלכער איז אויסגעוואַקסן אין די טראַדיציעס פון דער פּרייסישער קאַזאַרמע און דער אַנטי־דעמאָקראַ־טישער מאָנאַרכיע, איז געבליבן ביי דער ממשלה און דער גאַנצער דעה־זאָגער. די נייע „פאָלק־באַויפטראַגטע" מיניסטאָרן און דירעקטאָרן זיינען אויף מאָרגן נאָך דעם נצחון פון דער דעמאָקראַטיע אוועקגעשטעלט געוואָרן אין דעם נאַרישן מצב פון „זייטיקע" בטלנים, ווען די גאַס און דער המון האָבן אוועקגעזעצט אויף זייערע שטולן, — אָבער, וואָס „פאַרשטייען

ניט" ווי צו אַדמיניסטרירן. די דעמאָקראַטישע און סאָציאַליסטישע מיניס־טאָרן האָבן אויסגעזען ווי נעבעכדיקע גרינהאָרנס, וועלכע דאַרפן זיך וועגן אַלץ באַראָטן מיט זייערע מאָנאַרכיסטישע עקספּערטן. רעאַקציאָנער פאַר־קנעכטעטע ריכטער האָבן געדאַרפט פּאַרטיידיקן און שטראָפן די קעגנערס פון דער נייער אָרדנונג! אפילו די צוויי און צוואַנציק מאָנאַרכן פון אַלע דייטשע קעניגטימער און הערצאָגטימער זיינען געבליבן אין דייטשלאַנד, ארומגייענדיק ווי רחמנות־אָביעקטן פאַר די אויגן פון דעם „דייטשן מיכעל", וואָס האָט הונדערטער יאָר געדינט זיי ווי אַן איבערגעגעבענער עבד. די פראַנצויזישע בורזשואזע רעפּובליק האָט אין 1871 ארויסגעטריבן פון פראַנקרייך און אוועקגענומען די בירגערשאַפט און באַדן פון אַלע משפחות פון די בורבאָנען און נאַפּאָלעאָנידן, דאָס הייסט די קינדס־קינדער און קרובים פון די אַמאָליקע פראַנצויזישע מאָנאַרכן. אבער די דעמאָ־קראַטישע רעוואָלוציע אין דייטשלאַנד פון 1918־1919 האָט ניט גערירט די הויפּט־טרעגער פון דער רעאַקציע, און טאָמער האָט מען ביי זיי אוועק־גענומען די פּאַלאַצן זייערע, האָבן שפּעטער ד י י ט ש ע ס אָ צ י א ל ־ ד ע מ אָ ק ר אָ ט ן ג ע ש ט י מ ט פ אַ ר ר ע פ אָ ר אָ צ י ע ־ ס ו מ ע ס פאַר די געליטענע מאָנאַרכן, כדי זיי אוועקצושטעלן צוריק אין א פּריווילעגירטן מצב.

מען האָט זיך ניט גענומען פאַר אַ ראַדיקאַלער אַ ג ר אַ ר ־ ר ע פ אָ ר ם קעגן די פעאָדאַלע יונקערס לטובת דעם פּלייסיקן און פאַראָרימטן דייטשן פויער. מען האָט, אמת, געקעמפט קעגן דער דירות־נויט פון די שטאָטישע מאַסן און מען האָט געבויט שטאָטישע הייזער צום פאַרדינגען פאַר ביליקע פּרייזן. מען האָט באַשיצט די מוטער, אבער דעם קליין־בירגער האָט מען ניט פאַרבעסערט זיין לעבן און זיין פאַרדינסט. דעריבער האָבן דעמאָ־גאָגן פון לינקס און פון רעכטס געקענט אין זיי געפינען די בעסטע חסידים פאַר דעם אונטערגראָבן פון דעם „ווייִמאַרער סיסטעם".

די אַנדערע טעות'ן פון דער דעמאָקראַטיע זיינען כאַראַקטעריסטיש פאַר אַלע דעמאָקראַטיעס אין דער צייט 1918־1939. אַלע דעמאָקראַטיעס האָבן באַגאַנגען דעם חטא, וואָס זיי האָבן דערלאָזן, אַז דער אידעאַל פון דער גע־אייניקטער נאַציע זאָל פאַרשוועכט ווערן, אַז דער געדאַנק פון ליבע צום פאַטערלאַנד און פון זיין בשותפות'דיקן אויפטו זאָל פאַרכאַפּט ווערן פון די רעאַקציאָנערן און פיינט פון דער דעמאָקראַטיע. אַזוי איז עס געקומען צו דעם, אַז די דעמאָקראַטיעס זיינען געוואָרן צעברעקלט אין קליינע פאַר־טייעלאַך און פראַקציעס, הינטער וועלכע מען האָט פאַרגאַכלעסיקט דעם עצם באַשטייַן פון דער אומה. דער „ווילן פון פאָלק", וועלכער האָט באַגרינדעט די דעמאָקראַטיע, איז צעבראָכן געוואָרן. אין דער פּאָליטיק האָט זיך פאַר־שפּרייט אַ פּאַציפיזם און אַן אַפּהעטיקייט בנוגע דעם פאַרטיידיקן פונם

לאַנד. מען האָט דערלאָזן, אַז מיליטערישע גרייטקייט זאָל ניט זיין די דאגה פון דער דעמאָקראַטיע, און די בעסט־באַפעסטיקטע לענדער זיינען געוואָרן די אַנטי־דעמאָקראַטישע לענדער. צעשפּאָלטנקייט און חילוקי־דעות כלפי פנים, און אָפּהענטיקייט און שוואַכקייט כלפי חוץ — דאָס איז געווען דער צושטאַנד פון דער דעמאָקראַטיע אין 1919־1939.

הגם די דעמאָקראַטיע האָט געבראַכט אין די צענדליקער יאָרן פאַר דער וועלט־מלחמה 1914־1918 און אויך נאָך איר צו אַ גרויסן וואויל־שטאַנד, צום גרעסטן, וועלכער איז מעגלאַך אין אַ קאַפּיטאַליסטישער געזעל־שאַפט, הגם זי האָט געהאַט אויפצואווייזן פאַר דער מענטשהייט אַ גרויסן קאַטאַלאָג פון דערגרייכונגען, — אַחוץ פרייהייט פון געדאַנק און טאָלעראַנץ, — האָט זי דאָס ניט געטאָן. אַזוי למשל, האָט די דעמאָקראַטיע אין אַמע־ריקע קיינמאָל ניט אַרויסגעשטעלט אויף איר אַקטיוו, אַז עדיסאָנס גרויסע עפּאָכע־מאַכנדיקע דערפינדונגען זיינען אַ דערגרייכונג פון דער דעמאָקראַ־טיע. אָבער זייער כאַראַקטעריסטיש איז עס פאַר דער סאָוועטישער אַגי־טאַציע, אַז אין ראַטן־פאַרבאַנד הייסט עדיסאָנס אַמעריקאַנישע דערפינ־דונג — די עלעקטרישע לעמפּל — „לענינסקאַיאַ לאַמפּאָטשקאַ" — ד. ה. לענינס לעמפּל. דאָס איז צוליב דעם, ווייל דעם אומגעבילדעטן רוסישן דאָרף־פויער האָט מען געקאָנט איינריידן, אַז דאָס עלעקטרישע ליכט איז אויסגעפונען געוואָרן פון דער באָלשעוויסטישער מאַכט, והא ראַיה, אונטער די צאַרן האָט דאָס רוסישע דאָרף דאָך ניט געהאַט עלעקטרישע ליכט! פּונקט אַזוי האָט שווייצאַרישע דעמאָקראַטיע ניט אויפגעוויזן, אַז איר וואונדערבאַרע זייגער־טעכניק אָדער אירע עלעקטריפיצירטע אייזנבאַנען זיינען אַ דערפינדונג פון איר רעזשים.

עם־האַרצישקייט און וואולגאַר־בלאַפערישע פאַרהערלאַכונג פון רע־זשים בנוגע צו לופט־טעכניק און האַרמאַטן־אינדוסטריע טרייבן דייטשלאַנד און איטאַליע.

אין די דעמאָקראַטישע לענדער קען אַזאַ „בלאָף" ניט רעקאָמענדירט ווערן, אָבער אויך אונזער יוגנט און אונזער שול־וועזן מוזן פאַרשטיין צו באַווייזן די מאַסן, וואָס דער דעמאָקראַטישער רעזשים האָט געשאַפן און וואָס די מענטשהייט קען פאַרלירן מיט דעם אונטערגאַנג פון אַזאַ מין מלוכה־סדר. אויך די דעמאָקראַטיע דאַרף גלויבן אין אירע אייגענע כוחות און דעריבער דאַרף זי האָבן איר אייגענע דערציאונג פון דער יוגנט, איר אייגענעם: „ושננת לבניך ודברת בם", איר אייגענע יוגנט־דערציאונג. מיט אַ ריין נעגאַטיוון צוגאַנג קען מען ניט געווינען די הערצער פון דער באַפעלקערונג און שמידן פון איר אַ געאייניקטע נאַציע. מיט דעם זאָגן וואָס מען איז ניט האָט מען גאַרנישט ניט דערגרייכט,

מען מוז זאָגן וואָס מען איז יאָ. די דעמאָקראַטיע קען זיך ניט באַגרעניצן דערמיט וואָס זי זאָגט, אַז זי איז קעגן דיקטאַטור, קעגן דעספּאָטיזם, קעגן שקלאַפעריי פון מענטשן און פון זייער געדאַנק. זי מוז פאָדערן אַ פּאָזיטיוון „אני מאמין״.

ווי זאָל דאָס געטאָן ווערן? נאַטירלאַך ניט אויף די וועגן פון דער דיקטאַטור, וועלכע מאַכט אָבליגאַטאָריש פאַר אַלע אירע בירגער איין און די זעלבע פּאָליטישע תורה: אין ראַטן־רוסלאַנד אי זעס דער סטאַליניסטי־שער מאַרקסיזם, אין נאַצי־דייטשלאַנד — דיראַסן־טעאָריע, אין איטאַליע — דער הייליקער עגאָאיזם. (il sacro egoismo).

יעדע לעבנספעיאיקע דעמאָקראַטיע מוז האָבן אַ געמיינזאַמען שטרעבן. דאָס הייסט ניט, אַז אין דער דעמאָקראַטיע דאַרף עקזיסטירן אַן אָבליגאַטאָרישע תורה; דאָס וואָלט געווען קעגן דער פרייהייט פון גע־דאַנק און געוויסן. די נייע דעמאָקראַטיע דאַרף דאָ נאָר פאַרווירקלאַכן אַן אַלטן געדאַנק פון זש. רוסאָ. רוסאָ האָט געזען צוויי דערשיינונגען אין דער דעמאָקראַטיע: 1) דעם רצון פון אַלע, און 2) דעם אַלגעמיינעם רצון. דער רצון פון אַלע איז נאָר אַ טויטע סומע פון אַלע אינדיווידועלע ווילנס, וואָס זיינען זיך אָפט סותר איינער דעם צווייטן. דאָס איז נאָר אַ סומע, אָבער ניט קיין געמיינזאַמער רצון, אויף וועלכן די מלוכה קען זיך שטיצן. אַזאַ בשותפות׳דיקער רצון איז אָבער דער אַלגעמיינער ווילן (la volonté générale), וועלכער מוז זיין געמיינזאַם פאַר אַלע בירגער פון לאַנד.

די פריערדיקע דעמאָקראַטיע האָט געזינדיקט אין דעם, וואָס זי האָט נאָר גע׳דאגה׳ט וועגן דעם פרייען אַרויסזאָג פון יעטווידנס ווילן. אָבער ניט דאָס שאַפט דעם ווילן פון דע רמלוכה צו אַ ווייטערער עקזיסטענץ. די פריערדיקע דעמאָקראַטן זיינען אין דער הינזיכט געווען זייער אָפּטי־מיסטיש, זיי האָבן געמיינט, אַז ערגעץ וואו וועט זיך דער אמת פון דער דעמאָקראַטיע דורכזעצן קעגן אַלע ליגנס און ווידערשטאַנדן. אַ קלאַסישן אויסדרוק האָט אָט־אָ דער אָפּטימיזם געפונען אין די פיינע ווערטער פון פּרעזידענט אבֿרהם לינקאָלן: „איר קענט אָפּנאַרן אַ גאַנצן פאָלק אַ געוויסע צייט און אַ געוויסן טייל פון פאָלק די גאַנצע צייט, אָבער איר קענט ניט נאַרן דעם גאַנצן פאָלק די גאַנצע צייט.״*)

---

*) איך ברענג לינקאָלנס ווערטער אין זייער ענגלישן אָריגינאַל:
“You can fool all of the people some of the time, and some of the people all the time, but you cannot fool all the people all the time.”

אָבער אויך אין דעם האָט די דעמאָקראַטיע געהאַט אַ טעות. מיט מעכטיקע מיטלען פאַרשפּרייטן אַנטי־דעמאָקראַטישע רייכע מלוכות זייער גיפט און „נאַרן אַפּ אַ גאַנצן פאָלק די גאַנצע צייט״, אָדער לכל־הפּחות אַ געניגנדע צייט, כּדי אונטערצוגראָבן זיינע יסודות און דערנאָך אים פאַר־ניכטן. דאָס איז דאָך סוף־כּל־סוף דער זין פון די אַזוי־גערופענע „פּיפּט־קאָלום״־אידעאָלאָגיעס, דאָס איז די בעסטיאַלישע חכמה פון „אויפרייסן פון אינווייניק״.

נאָר איין אייראָפּייאישע דעמאָקראַטיע האָט זיך געכאַפּט אין צייט צו לאָזן פאַלן דעם לייכטזיניקן אָפּטימיזם און זיך נעמען קעמפן קעגן טאָ־טאַלע שונאים מיט טאָטאַלע מיטלען, דאָס איז די אַלטע ענגלאַנד, וועלכע קען אין האַרבסט 1940 פייערן דעם דריי־הונדערט יאָריקן יובל פון איר קאַמף פאַר פרייהייט און מענטשלאַכן גליק קעגן דער ענגלישער קעניגלאַ־כער טיראַניע.

די צייטוויייליקע „דיקטאַטור לשם דעמאָקראַטיע״
אין ענגלאַנד

איצט האָבן מיר די טרויעריקע דערפאַרונג פון איבער 20 יאָר, ווי אַזוי דעמאָקראַטיעס זיינען אונטערגעגראָבן געוואָרן מיט די זעלביקע אינ־סטרומענטן, וועלכע דער קרבן אַליין האָט געגעבן אין די הענט פון זיין מערדער. די דערפאַרונג האָט זיך אָנגעהויבן מיט דעם דורכפאַל פון דער דעמאָקראַטיע פון קערענסקי־רוסלאַנד און האָט זיך פאַרענדיקט מיט דעם אונטערגאַנג פון דער מוטער־לאַנד פון דעמאָקראַטיע, פון פראַנקרייך אין יוני 1940. איצט איז מער ביי קיינעם קיין ספק ניט, אַז אין אַ טויט־געפאַר מוז די היינטיקע דעמאָקראַטיע קעמפן מיט די מיטלען, מיט וועלכע אירע מערדער וואַרפן זיך אויף איר. דאָס הייסט מיט אַנדערע ווערטער *דיקטאַטור לשם דעמאָקראַטיע*, צוואַנג פאַר אַן איבער־גאַנגס־צייט, *כדי צו ראַטעווען די פרייהייט פאַר דער צוקונפט.*

דאָס איז בעצם דער זין פון דער איבערקערעניש, וועלכע איז פאָר־געקומען אין סאַמע ברען פון היטלערס מיליטערישן אָנפאַל, דעם 22טן מאַי 1940 אין ענגלאַנד. איך מיין דעם באשלוס פון ענגלישן פאַרלאַמענט איבערצוגעבן דער רעגירונג פון טשורטשיל אויף צוויי יאָר אַלע פאַר־שטאַרקטע פולמאַכטן.

מיט איר אַלטן פיינעם פּאָליטישן אינסטינקט האָט ענגלאַנד געמאַכט דעם נויטיקן אויספיר, פון די ביידע אַלטע זיילן, אויף וועלכע סע שטייט דער גאַנצער בנין פון דער דעמאָקראַטיע, ד. ה. פרייהייט און גלייכהייט, *דאַרף מען די פרייהייט האַמעווען און באַ־גרענעצן*, ווען זי גייט לטובת ביידע אַנטי־דעמאָקראַטישע פליגלען, און להיפך *שטאַרקן און פאַרגרעסערן די גלייכ־הייט*, וואָס נעמט אָפּ ביי די דאָזיקע פליגלען דעם תירוץ פון סאָציאַלער אומגערעכטיקייט.

לויטן באשלוס פון ענגלישן פאַרלאַמענט האָט ענגלאַנד, — אמת אויף א לכתחילה באַגרעניצטער צייט — אויפגעהערט צו זיין אַ פאָרמעלע דעמאָ־קראַטישע בירגערלאַכע מלוכה. דאָס פריוואַט־אייגנטום איז צייטווייליק אַנו־לירט געוואָרן און דער פאַרמעגן פון יעדן מענטשן געפינט זיך אין דעם רשות פון דער רעגירונג, וועלכע קען מאַכן דעם יעניקן געברויך, וואָס זי געפינט אַליין פאַר נוצלאַך פון דעם באַוועגלאַכן און אומבאַוועגלאַכן אייגנטום פון אירע בירגער. דער „עקסעס־פּראָפיט״ פון קאַפּיטאַליסטן איז מיט איין פעדערשטריך פון פאַרלאַמענט פאַרניכטעט געוואָרן דורך 100 פּראָ־צענט שטייער. אַלע פריוואַטע געשעפטן, פאַבריקן און אונטערנעמונגען

קענען קאָנפיסקירט ווערן פון דער רעגירונג, צוגעמאַכט אָדער איבערגע־טראָגן ווערן אויף אַן אנדער פּלאַץ אָדער איבערגעפירט ווערן אויף אַן אַנדער פּראָדוקציע אָדער אינגאַנצן ליקווידירט ווערן. די אייגנטימער קענען ווערן מאָביליזירט פון דער מלוכה פאַר אַנדערע געשעפטן אָדער ערטער.

די דאָזיקע עקספּראָפּריאַציע איז דורכגעפירט געוואָרן מיטן הסכם פון די עקספּראָפּריאירטע — צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע און אין פולן ווידערשפּרוך צו דעם אַלטן ענגלישן טאָרי־קאַפּיטאַליזם און... צו דעם „קאָמוניסטישן מאַניפעסט״. מיר ריידן דאָ ניט פון ספּעציעלע אַדמיניס־טראַטיווע שריט אָדער אונטערדריקונג פון דער מאָזלי־באַוועגונג, — די ענגלישע נאַציסטן און אַנדערע פינפט־קאָלום גרופּעס. ס׳איז קיין ספק ניט, אַז די איצטיקע ענגלישע קריגס־„דיקטאַטור״ ווידערשפּרעכט אַלע אַלטע עקאָנאָמישע און רעכטלאַך קאָנסטיטוציאָנעלע טראַדיציעס פון דער דעמאָקראַטישער „אַלד מעררי ענגלאַנד״. ס׳איז אָבער אויך קיין ספק ניט, אַז אין ענגלאַנד ווערט נאָך אַלץ ניט די דיקטאַטור דורכגעפירט אויף דעם געביט פון פּאָליטיק אין דער שטרענגער מאָס. מאָזלי איז נאָר אַרעס־טירט, אָבער ער ווערט ניט געמשפּט פאַר מלוכה־פאַרראַט און זיין פּאָלי־טישע באַוועגונג איז ניט אינגאַנצן אָפּגעשטעלט. דער ענגלישער פּאַרלאַ־מענט בלייבט ווייטער און האָט דאָס פולע רעכט צו קריטיקירן די רעגי־רונג פון טשוירטשיל. און ניט קוקנדיק אויף דער פאַרשטאַרקטער קאַ־בינעט־דיקטאַטור האָט מען אין דעצעמבער 1940 צוגעלאָזן, אַז די קליינע אָפּאָזיציע (פון 4־6 דעפּוטאַטן) זאָל אַריינברענגען דעם פאָרשלאָג פון אַ שלום מיט דייטשלאַנד אין סאַמע ברען פון דער מלחמה. אַפילו ביי דיק־טאַטאָרישע פולמאַכטן בלייבט אין ענגלאַנד די רעגירונג אָפּהענגיק פון פריי־געוויילטן פּאַרלאַמענט.

קאַפּיטל IV

דאָס אידנטום אויפן פּרשת דרכים צווישן דעמאָקראַטיע און דיקטאַטור

אין דעם פעאָדאַלן סדר זיינען אידן אונטערדריקט געוואָרן אלס יחידים, און נאַטירלאַך איז א קבוץ אָדער אַ נאַציע אָפּהענגיק פון דעם לעבן און וואויל־שטאַנד פון זיינע יחידים. אבער אין מיטאלטער זיינען נאָר איינצעלנע גרופּעס פון „שוץ־אידן", וועלכע האָבן זיך דערשלאָגן צו א פּריווילעגירטן פערסאָנאַלן מצב געווען מער אדער ווייניקער זיכער. דער איד „פון א גאנץ יאָר" איז אויסערהאלב פון זיין „געטאָ" און אפילו אין זיינע ווענט ניט געווען שטענדיק זיכער מיט זיין קיום און דעם קיום פון זיין משפּחה און קינדער. אָבער אין דעם מיטלאַלטער האָט זיך דער אידישער קיבוץ זייער גוט געלאָזט אריינפּאַסן אין דער איינגעקעסטלטער פעאָדאַלער געזעל־שאַפט. די „שטאנדן", די „צעכן", די קאָרפּאָראַציעס זיינען געווען די גינסטיקע סביבה, אין וועלכער די אידישע קהלה האָט לייכט געפונען איר אָפּגעזונדערט אָרט מיט אייגענע פירערס, פּרנסים, ריכטער, מוסדות, קאָ־לעקטיווע שטייערן און בשותפותדיקע פאַראַנטוואָרטלאַכקייט פאר דער מאַכט, — דעם קעניג, דעם פּריץ, אָדער דער שטאָט.

די קאָנטינענטאַל־אייראָפּייאישע דעמאָקראַטיע האָט צעוואָרפן די ווענט פון דער פעאָדאַלער „געטאָ", האָט באַפרייט דעם אידן אַלס מענטשן און בירגער — אין הסכם מיט די פּרינציפּן פון דער פראַנצויזישער דעקלאַ־ראַציע פון רעכט אין 1789. אבער צוגלייך דערמיט האָבן אידן געמוזט אויפהערן צו זיין אַ קאָלעקטיווע איינהייט, אַ נאַציע. אַזאַ אָפיציעלן אַקט פון אַ נאַציאָנאַלן „שמד" האָבן דעקלאַרירט די אידישע פּני, — יחוסדיקע פאַרטרעטער פון פראַנצויזישע, דייטשע, האָלענדישע, איטאַליענישע אידן אין 1807 אויף דעם „נאַפּאלעאָנישן סנהדרין". די אידן פון די לענדער, וואָס נאַפּאלעאָן האָט באַפרייט, האָבן פּראָקלאַמירט: „היינט, בשעת אידן זיינען שוין ניט מער קיין באַזונדער נאַציע, זעען מיר אין אונזער אריינ־טרעטן אין דער גרויסער פראַנצויזישער נאַציע אונזער פּאָליטישע גאולה".

דעם גאַנצן ניינצענטן יאָרהונדערט האָט אין די באמת דעמאָקראַטישע אייראָפּייאישע לענדער און אין אמעריקע געהערשט דער פּרינציפּ פון גלייכבאַרעכטיקונג. דאָס האָט געפירט צו אַן עקאָנאָמישן שטייגן פון די אידן, צו א געבורטן־צוואוקס, אבער אויך צו נאַציאָנאַלער אסימילאַציע. דער אידישער קאָלעקטיווער באַעפּעט איז אָפּגעשוואכט געוואָרן, ער איז דערפירט געוואָרן צו דער מדרגה פון א ריין סינאַגאָגאַלער פאַרבינדונג.

אין דער דאָזיקער סביבה האָט זיך מיט דער צייט געשאפן דער טיפּ פון א „אידן פון דריי טעג", — פון ברית־מילה, חתונה און קבורה, — מחמת נאָר דורך די דאָזיקע דריי טעג איז ער געווען פארבונדן מיטן אידישן כלל.

פאר דער ריין אידישער קאָלעקטיווער עקזיסטענץ האָט די דעמאָקראַטיע פון דער גלייכבארעכטיקונג ניט געבראַכט מיט זיך קיין תיקון. דאָס דאַרף דאָ קלאָר געזאָגט ווערן, ווייל די אנטיסעמיטישע אידעאָלאָגיע שטרייכט אונטער, אז אידן זיינען פאַראינטערעסירט אין דעמאָקראטיע אלס א נאַציאָנאַלער קבוץ. די מערב־איראָפּיאישע דעמאָקראטיע איז געווען גינסטיק פארן יחיד און פרוכטלאָז פאר אידישער קאָלעקטיוו־נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע.

נאָר אין מזרח־איראָפּע, באזונדערס אין דער עפּאָכע 1919־1939 האָט די דעמאָקראטיע באמת געבראכט צו א באנייאונג פון אונזער עקזיסטענץ. ס'איז נאָך ניט געקומען די צייט אונטערצופירן אָ ענדגילטיקן סך הכל. אָבער די פולע נאַציאָנאַלע אידישע מינדערהייטן־אויטאָנאָמיע פון די באַל־טישע לענדער,*) די טיילווייזע אויטאָנאָמיעס און אייגענע שולעס און שול־נעצן אין טשעכאָסלאָוואַקיע (באזונדערס אין קארפּאטא־רוסלאַנד), אין די סלאַווישע באלקאן־לענדער און אין פּוילן, וואו די אידישע פאָלקס־איניציא־טיוו האָט אין דער אטמאָספערע פון פּאָליטישער פרייהייט געהויבן אידישע קולטורעלע און עקאָנאָמישע זעלבסט־הילף, — דאָס אלץ האָט געבראַכט צו אן אנטוויקלונג פון נאַציאָנאַלע אוצרות, וועלכע איז פריער געווען פול־שטענדיק אומבאקאנט. די אידישע מינדערהייט איז אויך אין א סך לענדער געוואָרן פּאָליטיש פירנדיק. אזוי לאַנג ווי די דייטשע מינאָריטעטן זיינען נאָך ניט געווען פארגיפטעט מיטן נאַצי־סם, זיינען זיי אין א סך לענדער און באזונדערס אין פּוילן און די באַלטישע קאנטן געווען פאר־איניקט אין א מינדערהייטן־פראָנט, וועלכער האָט א סך מיטגעהאָלפן צו דער הויבונג פון אידישער נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע סיי אין די איינצעלנע לענדער און סיי פארן — פעלקער־בונד.

נאַטירלאך איז קלאָר, אז די פּאַרטיידיקונג פון אידישע נאַציאָנאַלע אינטערעסן און קולטור־פאָדערונגען זיינען נאָר מעגלאך אין דער אטמאָס־פערע פון דעמאָקראטיע, וועלכע איז דער אויסדרוק פאר פרייהייט און טאָ־לעראַנץ. דעמאָקראטיע קען ניט פאַרבייטן דעם ווילן צו אָ נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ און דאָרטן, וואו אסימילאציע האָט זיך איינגעפרעסן אינם נאַ־ציאָנאלן אָרגאַניזם, קען דעמאָקראטיע אליין ניט זיין קיין רפואה אנטקעגן דעם אונטערגאנג פונם אידישן קאָלעקטיוו. אָבער וואו דער ווילן צו לעבן

*) זע מיין ארבעט : Jewish Minorities of the Baltic States, "Jewish Social Studies," 1941, II.

א פאָלקס־לעבן איז פאַראַן, גיט נאָר די דעמאָקראַטיע די נויטיקע גאַראַנ־טיעס.

דער באַווייז איז ניט נאָר דער נאַצי־פאַשיזם, וועלכער איז עוקר מן השורש דאָס אידנטום אין אלע הינזיכטן. א סך וויכטיקער איז צו אונ־טערשטרייכן, אז יעטווידער דיקטאַטור־שטאַט, אפילו ווען ער איז לחלוטין ניט אנטיסעמיטיש, גיט ניט קיין מעגלאכקייט פאר א מינדערהייטן־פאָלק זיך פריי אויסצולעבן. אזאַ מלוכה גיט עפנטלאכע רעכט און באַשיצונג נאָר צו טעריטאָריאַלע פעלקער, אָבער ניט קיין פערסאָנאַלע אויטאָנאָמיעס, ווי מיר האָבן זיי געהאַט אין עסטלאַנד, אדער לַיטע אדער וואו מיר קענען זי פאַרבייטן דורך פרייוויליק־אָרגאַניזירטע אידישע קהלות, פאַרבונדן אין קאָנגרעסן ווי אין אמעריקע אדער יעטווידער אנדערער דעמאָקראַטיע.

דער וויכטיקסטער אַנטי־דעמאָקראַטישער ביישפּיל איז ראַטן־רוסלאַנד. דאָס דאָזיקע לאַנד איז ניט אַנטיסעמיטיש און ניט שאָוויניסטיש. דאָרט איז אויסגעבויט געוואָרן אַ נאַציאָנאַל־פעדעראַטיווער סיסטעם פאַר נאַציאָ־נאַלע מלוכות, אויטאָנאָמע געביטן, אָבער אין דער גאַנצער סאָוועטן־קאָנסטיטוציע וועט איר ניט געפינען קיין איין וואָרט וועגן מינ־דערהייטן־פעלקער. דער אַרטיקל 35 פון דער סטאַלין־קאָנסטיטו־ציע רעדט פון אַ ראַט פון איינצלנע נאַציאָנאַליטעטן, נאָר אויף אַזוי ווייט, ווי יעדע נאַציאָנאַליטעט האָט איר אייגענעם שטח, פון וועלכן זי שיקט איר דעפּוטאַט צו דעם דאָזיקן ראַט. פון אידן רעדט זיך נאָר אין דעם אַר־טיקל 22, ווען מען דערמאָנט אונטער צענדליקער אַנדערע געגנטן דעם אידישן אויטאָנאָמען געביט פון דער רוסישער פעדעראַטיווער רעפּובליק. אָבער וועגן די מיליאָנען אידן, וואָס בילדן די מאַיאָריטעט און לעבן אין ווייס־רוסלאַנד, אוקראַינע, אין בעסאַראַבישן דרום און באַלטישן צפון, איז ניטאָ קיין זכר אין דער קאָנסטיטוציע.

פאַר דעם אידישן פאָלק אין רוסלאַנד באַדייט עס אָט וואָס:

די פאָרמעלע גלייכבאַרעכטיקונג פון אידן איז א פולע. די אידישע לערן־יוגנט ווערט פריי און גלייך, ווי אלע אנדערע, אויפגענומען אין אלע טיפּן פון ראַטן־שולעס: פון די עלעמענטאַרע ביז צו די אוניווערסיטעטן. קיינער קען ניט שטערן דער אידישער יוגנט זי זאָל זיך לערנען אין איטלאַכער שול פון יעטווידן נאַציאָנאַלן ראַטן־געביט. אין אוקראַינע קען זיך דער איד אסימילירן אויף אוקראַיניש און אין גרוזיע אויף גרוזיניש, — אָבער, ווי ס'לערנט די דערפאַרונג פון אלע גלות־לענדער מיט א געמישטער באַ־פעלקערונג, וועלן אידן קודם כל זיך צופּאַסן צו דער הערשנדער, אָדער ווי מען רופט זי אין ראַטן־פאַרבאַנד, צו דער „פירנדיקער” רוסישער קולטור. דאָס איז פאַר דעם יחיד זייער נוצלאך, ער קען זיך בעסער איינאָרדנען אויפן גאַנצן ברייטן שטח פון גיגאַנטישן לאַנד. אָבער פאַר דעם נאַציאָנאַלן

קבוץ איז עס שלעכט דערפאַר, וואָס 1) צוליב דעם פאַרלירט דאָס אידישע פאָלק אין ראַטן־פאַרבאַנד זיינע קינדער לטובת דער רוסישער קולטור און 2) וואָס אין יעדן באַזונדערן נאַציאָנאַל־געביט וועט מען אידן דערוויבער באַטראַכטן פאַר „רוסיפיקאַטאָרן״.

דער קאַמף צווישן די פאַרשיידענע פאָרמען פון אידישן קאָלעקטיוון לעבן מוז דערפאַר געפירט ווערן אין די ראַמען פון דעמאָקראַטיע, ווייל נאָר אַזאַ געזעלשאַפטלאַכע פאָרם קען מיט דער צייט געפינען דעם ריכטיקן סינטעז פאַר דעם האַרמאָנישן צוזאַמענלעבן פון פעלקער.

די איצטיקע מלחמה האָט אַריינגעבראַכט דערשיטערנדיקע ענדערונ־גען. אונזער פאָלק שטייט איצט פאַר גאָר נייע בלוטיקע פּראָבלעמען, און קודם־כל פאַר דער פראַגע פון זיין איינפאַכער עקזיסטענץ.

ביז דעם 22טן יוני, 1941, האָט מען נאָך געקענט רעדן פון דעם, אַז בלויז אַ דריטל פון דעם אידישן פאָלק געפינט זיך אונטער דער דייטשער ממשלה פון רעכטלאָזיקייט און פאַרניכטונג און די אַנדערע צוויי דריטל גע־פינען זיך אונטער ראַטן־פאַרבאַנד און אין אַמעריקע. אין אַלגעמיין גע־נומען איז דאָס געווען ריכטיק, אָבער נאָך דער אָקופּאַציע פון מערב־ראַטן־רוסלאַנד דורך די דייטשע חיילות, זיינען מיר געקומען צו דעם מצב, אַז אַכט מיט אַ האַלב מיליאָן (8,500,000) אידן, דאָס הייסט, אַ העלפט פונם אידישן פאָלק פון דער גאַנצער וועלט איז איצט אונטער דער ברוטאַלער נאַצי־הערשאַפט. מיט אַנדערע ווערטער, יעדער צווייטער איד שטייט אויף דער אויסראָטונגס־ליסטע. אַחוץ דער פאַרגרעסערטער דייטשלאַנד גופא (מיט עסטרייך), פאַרשפרייט זיך דאָך איצט די דייטשע מאַכט מיט איר אַנטי־אידישער „געזעצגעבונג״ אויף פאָלגנדיקע לענדער: פּוילן, רומעניע, אונגאַרן, טשעכאָסלאָוואַקיע (פּראָטעקטאָראַט און סלאָוואַקיע), דענמאַרק, נאָרוועגיע, בעלגיע, לוקסעמבורג, פראַנקרייך, האָלאַנד, יוגאָסלאַוויע, בול־גאַריע און גריכנלאַנד. צו די דערמאָנטע פערצן מלוכות דאַרף מען נאָך צוגעבן צוויי לענדער: איטאַליע און פינלאַנד, וועלכע זיינען פאָרמעל אומאָפּהענגיק, אָבער געפינען זיך אונטער אַ שטאַרקער השפּעה און האַלבער אָקופּאַציע פון דייטשלאַנד.

עס איז טראַגיש צו זען, אַז אין דער דערמאָנטער רשימה פון לענדער געפינען זיך אויסער די לענדער, וועלכע האָבן געהאַט אַן אַלטע טראַדיציע פון אַן אייגענעם „אָריגינעלן״ אַנטיסעמיטיזם, ווי למשל רומעניע, פּוילן און אונגאַרן, אויך לענדער, וועלכע האָבן געעפנט פריי זייערע טויערן פאַר געררודפ׳טע אידישע פּליטים. מיר מוזן דערמאָנען קודם־כל האָלאַנד, וועלכע האָט אויפגענומען די קרבנות פון דער שפּאַנישער אינקוויזיציע און געגעבן

זיי אַ זיכערן אָרט פֿאַר אַ ווייטערדיקן עקאָנאָמישן לעבן און גייסטיקן אויפֿבוי, וואָס האָט נישט קיין גלייכנס, אַ לאַנד, וואָס האָט מוט און פֿאַרשטייט אונטערן שווערסטן דייטשן אָקופּאַציע־רעזשים פֿון היטלערן אַרויסצואווייזן מיטגעפֿיל צו אידן; און פֿראַנקרייך, וועלכע האָט מיט 150 יאָר צוריק דערקלערט די פֿולע עמאַנסיפּאַציע פֿון אידן און געטראָגן די עמאַנסיפּאַציע ווייטער קיין צענטראַל־אייראָפּע, צוזאַמען מיט אירע אַנדערע דעמאָקראַטישע אַני־מאַמינ׳ס.

דער דאָזיקער פּראָצעס פֿון דעמאָקראַטיזאַציע און אידישער גלייכבאַרעכטיקונג איז איבערגעריסן געוואָרן. אַלע דערמאָנטע לענדער זיינען געצוואונגען געוואָרן איינצופֿירן די אַנטי־אידישע גזירות־געזעצגעבונג פֿון היטלערס דייטשלאַנד. נישט נאָר יורידיש, לויטן געזעץ, זיינען אידן פֿאַרוואַנדלט געוואָרן פֿון פֿרייע בירגער און רעכטלאָזע שקלאַפֿן, נאָר זיי ווערן איצט עקספּלואַטירט און אויסגענוצט אַלס אַן אַרבעטס־כוח פֿאַר היטלערס מלחמה־מאַשין. גרויסע טיילן פֿונם אידישן פֿאָלק גייען פּשוט אונטער פֿיזיש. די נייע געטאָ פֿון היטלער און די טיילווייזע כלומרשט׳ע „אויטאָנאָמיע״, וואָס ווערט איינגעפֿירט (אייגענע אידישע פּאָליציי, אַ באַגרענעצטער שול־וועזן, א. אַ. וו.) האָט נאָר איין אויפֿגאַבע: בעסער צו באַדינען די אָקופּאַציע־מאַכט און היטלערס אַרמיי.

אָבער אַפֿילו נאָך דעם נצחון איבער היטלערן וועט בלייבן די פֿראַגע, אויף וועלכע וועגן און מיט וואָס פֿאַר אַ מיטלען קען ווידער נאָרמאַליזירט ווערן די עקזיסטענץ פֿון אידן אין דער וועלט.

צוויי גרויסע פֿראַגן, וועלכע זיינען אָבער ענג פֿאַרבונדן, שטייען פֿאַרן אידישן פֿאָלק. די ערשטע פֿראַגע איז וועגן דער צוקונפֿט פֿונם אידישן פֿאָלק אין ארץ־ישראל. אויב שוין אין 1937 איז די בריטאַנישע קעניגלאַכע קאָמיסיע געקומען צום דעם באַשלוס, אַז אין ארץ־ישראל דאַרף געשאַפֿן ווערן אַ סואווערענע אידישע מלוכה, איז קלאָר, אַז נאָך דער איצטיקער מלחמה וועט די פֿאָדערונג פֿונם אידישן שטאָט זיין איינע פֿון די גרונט־נויטווענדיקייטן. די דאָזיקע פֿאָדערונג קען אָבער ניט אויסשעפּן און פֿאַרענטפֿערן דאָס גאַנצע אידישע פּראָבלעם. עס אַנטשטייט די צווייטע פֿראַגע וועגן דעם, וואָס זאָל געטאָן ווערן בנוגע צו די יעניקע טיילן פֿון אידנטום, וועלכע קענען ניט אויפֿגענומען ווערן אינם אידישן שטאָט.

די לעצטע פֿראַגע באַציט זיך ניט צו לענדער, אין וועלכע די דעמאָקראַטישע אָרדנונג האָט זיך ניט איבערגעריסן: למשל, ווי ענגלאַנד און אַלע אירע דאָמיניעס און די פֿאַראייניקטע שטאַטן פֿון אַמעריקע. עס האַנדלט זיך אָבער וועגן די מיליאָנען אידן, וועלכע געפֿינען זיך אין די לענדער, וואָס האָבן קיינמאָל ניט דערגרייכט צו אַן אמת דעמאָקראַטישן וועלט־באַנעם.

אבער די אידן־פראגע וועט ניט שטיין איזאלירט. אויך פאר אנדערע פעלקער פון איראפע וועט שטיין די פראגע פון זייער אויפלעבונג און זייערע צו־קונפטיקע רעכט סיי אין זייערע נייע באפרייטע מלוכות, און סיי אין זייערע רעכט אלס מינדערהייטן אין אנדערע לענדער. וואס פאר אן איבערטוישן און גירושים די טיראנישע מאכט פון היטלערן זאל ניט האבן דורכגעפירט איבער הונדערטער טויזנטער פון אידן, טשעכן, פאליאקן, יוגאסלאווער א. א. וו., וועט עס דאך אזוי ניט קענען פארבלייבן. צום סוף פון דער מלחמה וועט מען ווידער אמאל דארפן פארענטפערן די פראגע וועגן מער־הייטן און מינדערהייטן, וואס וועלן דארפן צוזאמען לעבן אויף איין שטח ערד, אין דעמזעלביקן לאנד. די נאציאנאלע מינדערהייטן־פראגע, וואס האט עקזיסטירט אין איראפע הונדערטער יארן, וועט אויך ווייטער בלייבן ביי דער איינארדנונג פון א נייער איראפע, אפילו אויב זי זאל אננעמען די פארם פון א פעדעראציע. איין זאך איז קלאר: די אידישע פראגע וועט ניט שטיין איזאלירט און אונזער פאלק קען זיך טרייסטן מיטן אלטן „לא אלמן ישראל".

ווען מען פארטראכט זיך וועגן דער פאליטישער אריענטאציע פון דעם אידישן פאלק אין דעם איבערברוך פון אונזער תקופה, ווייסן מיר, וואו מיר שטייען אין דער וועלט, — סיי בנוגע צו דער אינערלאכער און סיי בנוגע דער אויסערלאכער פאליטיק. אין דעם וועלט־בילד פון א דיקטאטא־רישער הערשאפט פון איין אדער צוויי פעלקער איבער דער גארער וועלט איז פאר אידן קיין שום ארט ניטא.

עס בלייבט פאר אונז איין־איינציקער וועג, — דער אלטער ליידנספולער און אויסגעפרואווטער וועג, פון וועלכן מיר ווילן ניט און וועלן ניט אראפגיין. מיט דעם וועג זיינען מיר געגאנגען זינט דעם בין־השמשות פון מיטל־אלטער און דעם באגינען פון דער נייער עפאכע פון דער מענטשלאכער באפרייאונג און הומאניזם. די מענטשהייט ראנגלט זיך איצט אין א בלוטיקן און פאר־צווייפלטן קאמף פאר די דעמאקראטישע עשרת הדברות. מיר, אלס אידן, וועלן איצט ניט פארלאזן די פאזיציעס, וואס די בעסטע זין פון אונזער פאלק האבן פארטיידיקט די לעצטע צוויי יארהונדערטער צוזאמען מיט די פירנ־דיקע גייסטער פון מענטשלאכן יושר און פרייהייט. מיר וועלן קעמפן ביזן אנטגילטיקן נצחון.

מיר זיינען אנגעפילט מיט גלויבן, אז די מפלה פון היטלערן וועט סוף־כל־סוף קומען. ברוטאלע מאכט און אונטערדריקונג וועט באזיגט ווערן און די דעמאקראטישע אנטוויקלונג פון פעלקער וועט פארגעזעצט ווערן.

סך־הכל — דעמאָקראַטיע אַלס היפּוך פון דיקטאַטור

צום סוף פון אונזער היסטאָריש־פּאָליטישער באַטראַכטונג וועלן מיר פּרואוון צו געבן אין א קורצער און פאַרשטענדלאכער פאָרם אייניקע סך הכל׳ס, וואָס כאַראַקטעריזירן די דעמאָקראַטיע אין קעגנזאַץ צו דער דיקטאַטור (אדער איר עלטערער פאָרם — די טיראַניי). לאָמיר דעריבער אנטקעגנשטעלן די גרונט־יסודות פון דער דעמאָקראַטיע און דיקטאַטור איינע אנטקעגן די אנדערע.

1. אין דער געשיכטע איז דעמאָקראַטיע שטענדיק געווען די פּירערין פון דער מענטשלאכער באַפרייאונג.	1. די טיראַניי און דיקטאַטור — זיינען שטענדיק געווען די פּאַרטיידיקער פון פאַרשקלאַפונג.
2. אין דעמאָקראַטיעס גייט רעכט פאַר מאַכט.	2. אין דיקטאַטורן גייט מאַכט פאַר רעכט.
3. דעמאָקראַטיע איז געבויט אויף טאָלעראַנץ צו רעליגיע און פרייען געדאַנק.	3. דיקטאַטור איז געבויט אויף אונטערדריקונג פון פרייען געדאנק און רעליגיע.
4. אין א דעמאָקראַטיע אנטשיידט דער ווילן פון פאָלק („אחרי רבים להטות״).	4. אין א דיקטאַטור אנטשיידט דער ווילן פון דעם דיקטאַטאָר („פּירער״).
5. אין א דעמאָקראַטיע איז דער הויפּט פון דער מלוכה אונטערגעוואָרפן דער קאָנסטיטוציע און דעם געזעץ.	5. אין א דיקטאַטור איז דער דער הויפּט פון דער מלוכה דער, וואָס דיקטירט די געזעצן און שאַפט אליין קאָנסטיטוציע.
6. אין דעמאָקראַטיעס עקזיסטירן פאַרשיידענע פּאַרטייען צו באַשטימען דעם פּאָליטישן גורל פון לאַנד און זיי פאַרטיידיקן פריי זייערע מיינונגען (דורך צייטונגען און אָרגאַניזאַציעס.)	6. אין דיקטאַטורן ווערט צוגעלאָזן צו דער פּאָליטישער טעטיקייט נאָר די הערשנדיקע פּאַרטיי, צו וועלכער ס׳געהערט דער דיקטאַטאָר, אלע איבעריקע פּאַרטייען, זייערע אָרגאַניזאַציעס און צייטונגען זיינען אומלעגאַל און פאַרפאָלגט, די טאָרן ניט פאַרטיידיקן זייערע מיינונגען.

7. אין דעמאָקראַטיעס מעגן אַלע פּאַרטייען אַרויסשטעלן זייערע קאַנ־דידאַטן צו די וואַלן אין פּאַרלאַמענטן (און אַנדערע אָרטיקע אָרגאַנען).

8. אין אַ דעמאָקראַטיע איז דער גרונט־לאָזונג: פונם פּאָלק, פאַרן פּאָלק, דורכן פּאָלק.

9. אין דעמאָקראַטיעס איז פאַראַן איין געזעץ פאַר אַלע בירגער („משפט אחד יהיה לכם").

10. דעמאָקראַטיע איז שטענדיק געווען קעגן פאַרהייליקן קעניגע און פירער. אויף דעם זיינען געבויט אַלע דעמאָקראַטישע תורות און קאָנסטיטוצ־יעס זינט דעם סוף פון מיטל־אַלטער.

11. אין דער דיקטאַטור זיינען סאָציאַלע אויסבעסערונגען און רע־פאָרמעס געשאַפן געוואָרן אויפן וועג פון קאָמפּראָמיסן צווישן די פאַר־אינטערעסירטע צדדים. דערפאַר ווערן זיי איינגעפירט לאַנגזאַם, אַבער זיי זיינען דויערהאַפט און ווערן אַן אָר־גאַנישער טייל פון דער געזעצגעבונג.

7. אין דיקטאַטורן מעג נאָר די הערשנדע פּאַרטיי אַרויסשטעלן אירע קאַנדידאַטן אינם פּאַרלאַמענט (און אַנדערע אָרטיקע אָרגאַנען).

8. אין דיקטאַטורן איז דער גרונט־לאָזונג: אין נאָמען פון פּאָלק פאַר דער הערשנדער פּאַרטיי.

9. אין דיקטאַטורן האָבן פאַרשיי־דענע גרופּעס (פּאַרטייען, „קלאַסן" אָדער „ראַסן" א. א. וו.) באַזונדערע רעכט און פּריווילעגיעס, וואָס די איי־בעריקע בירגער האָבן ניט.

10. דיקטאַטור און טיראַניי האָבן שטענדיק פאַרוואַנדלט זייער הערשער אין אַ גאָט אָדער האַלב־גאָט בעת'ן לעבן און נאָכן טויט.

11. אין דער דעמאָקראַטיע ווערן סאָציאַלע רעפאָרמעס געשאַפן אויפן סמך פון באַפעלן (דעקרעטן) פון דער מלוכה, ניט פרעגנדיק די צדדים. זיי ווערן דערפאַר איינגעפירט זייער גיך, אַבער זיי האָבן ניט קיין לאַנגן און זיכערן קיום.

ISBN:0-657-04576-4